STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06690

# DER NOVI

Kahlil Gibran

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

## קאַליל גיבּראַן

# דער נביא

איבערזעצט מיט דער דערלויבעניש פון מחבר

פון **יצחק האָראָוויץ**

**יאַטשקאָווסקיס ביבּליאָטעק**

*וואַרשע — ניו־יאָרק* *1929*

PRINTED IN POLAND

# THE PROPHET

by

KAHLIL GIBRAN

Translated inte Yiddish with the
: : : permission of the Author : : :

by

I S A A C H O R O W I T Z

„BIBLIOTEKA JACZKOWSKIEGO“
:: :: Warszawa, Twarda 8 :: ::

זעצערײ ה׳ גרינבערג, נאַװאָליפּיע 30, טעל. 239-23

Druk: Sz. Sikora i I. Milner Warszawa Nowolipki 6:

# ד ע ר  נ ב י א

# קאליל גיבראן

געבוירן אין ביכארי, סיריע, אין יאר 1883. צו צוועלף יאר
געקומען קיין אמעריקע און זיך באזעצט אין באסטאן. שפעטער
איז ער צוריקגעפארן קיין סיריע און זיך אנגעשלאסן אין דעם
אל-היקמאט אוניווערזיטעט פון ביירוט. אין 1903 קומט גיבראן ווידער
קיין אמעריקע אבער נישט אויף לאנג. ער וווינט ווידער
א פאר יאר אין באסטאן און פארט דערנאך אפ קיין פאריז שטו-
דירן מאלעריי. איינצ״טיק באזוכט ער איטאליע, שפאניע, ענגלאנד
און באזעצט זיך ענדלעך אין ניו-יארק, וואו ער וווינט ביז היינטיקן
טאג. זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האט גיבראן אנגעהויבן אין 1903.
דאס רוב ווערק האט ער געשריבן אין אראביש, דערנאך זענען זיי
איבערזעצט געווארן אין פיל אייראפעישע שפראכן. זיינע צוויי
פאפולערסטע ביכער זענען דער משוגענער און דער
נביא, אבער דאס לעצטע איז אן ספק דאס גרעסטע ווערק, וואס
ער האט געשאפן. אין 1919 האט ער פארעפנטלעכט א בוך מיט
צוואנציק צייכענונגען. ער האט אויך געמאלן פארב-בילדער און גע-
האט אויסשטעלונגען אין פארשיידענע שטעט פון אמעריקע און
אייראפע. ביז מיט עטלעכע יאר צוריק איז גיבראן געווען ווינציק
באקאנט דעם אמעריקאנישן עולם, כאטש ער האט די צוויי דער-
מאנטע ווערק געשריבן אין ענגליש. אבער אין די לעצטע פאר יאר
איז ער געווארן זייער פאפולער און געקראגן א היפשע צאל
לייענער און פארערער.

*אז מען וויל רעדן וועגן קאליל גיבראנען, מוז*
*מען אוועקלייגן אן א זייט די געוויינלעכע קריטישע*

טערמינאָלאָגיע. אים קאָן מען נישט מעסטן מיט דער מאָס פון בלויז־אינטעלעקטועלער דערפאַרונג, ווייל אָפט רעדט ער וועגן זאַכן, וואָס כאָטש מיר שפּירן זיי, פאַרשטייען מיר זיי נישט. איז דאָך יעדן פון אונז באַוואוסט, אַז אָפט פאַרשטייט נישט דער שכל דאָס, וואָס מיר אין זיך, ווייסן שוין פון לאַנג.

צו גיבראַנען, וואָלט איך געזאָגט, מוז מען קוי־מען ווי מען קומט צום לעבן גופא: דורך די חושים און אינטואיציע. הפנים, אַז נאָר זיי איז באַשערט אויפצונעמען יענע טיפערע אמתן, צו וועלכע אונזער שכל וועט אפשר קיינמאָל נישט דערגיין. נישט אומזיסט האָבן גרויסע חכמים צוגעלייגט זייערע לערעס צום אויער פון פשוטן פאָלק. דער פשוטער מענטש שטייט נעענטער צום לעבן: ער גייט אויף די וועגן פון אינטואיציע, און זיינע חושים זענען זיינע וועג־ווייזער.

איך וויל ציען אַ פּאַראַלעל — קאַליל גיבראַן און וואָלט וויטמאַן.

ביידע האָבן דורכגעלעבט אַ גייסטיקע טראַנס־פאָרמאַציע. זיי זענען דערגאַנגען צו דאָס, וואָס דר. ריטשאַרד מאָריס באָק רופט קאָסמישע באַוואוסטזיניקייט — „אַ צושטאַנד, אין וועלכן דער מענטש איז באַוואוסטזיניק, נישט נאָר וועגן זיין גוף און איך, נאָר אויך וועגן דעם לעבן און די געזעצן פון „קאָסמאָס".

אויף וויטמאַנען האָט די דאָזיקע טראַנספאָרמאַציע געהאַט אַן אומגעוויינלעכע ווירקונג. אַלעס אין אים האָט זיך מיטאַמאָל ווי אומגעביטן: זיין גאַנג, זיין שטים און צייטנווייז אפילו זיין אויסזען. ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ נעץ פון שטראַלן, אָדער, ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט: „איך וואַנדער, און איך בין אַליין איבעראַשט פון מיין אייגענער ליכטיקייט".

פון יענער רגע אָן האָט וויטמאַן דערזען, אַז קיין זאַך איז נישט באַזונדער, אַז קיין מענטש איז נישט אַליין — אַלעס לעבט און זינגט אין אַ געמיינ. זאַמען כאָר. יעדע זאַך אויף דער ערד, אַפילו דאָס פּשוטע און אומוויכטיקע, האָט אים אויסגעזען ווי אַ נס. אַלע מענטשן, אַפילו גנבים, אויסוואורפן און פּראָסטיטוטקעס, זענען אים געוואָרן נאָענט. „איך בין איינער פון זיי", זאָגט ער, „איך וועל זיי דעריבער נישט פאַרדאמען, ווייל ווי קאָן איך פאַרדאַמען זיך אַליין"?

אַלע דערשיינונגען האָבן פאַר וויטמאַנס אויפ. געלויכטענע אויגן אויסגעזען ווי אַ האַרמאָנישע גאַנצקייט, און אַלע מענטשן — אַ גרויסע משפּחה, פאַרבונדן דורך די העכסטע געזעצן פון קרובה. שאַפטלעכן וואוילזיין.

פונקט אַזאַ וויזיע אָדער אילומינאַציע האָט אויך פאַרנומען קאַליל גיבראַן.

אַלעס אין לעבן און אין מענטשן באַטראַכט ער אַלס האַרמאָנישע טיילן פון אַ האַרמאָנישער גאַנצ. קייט. אין אַלע אונזערע כּוונות און שטרעבונגען, אין אַלע אונזערע מעלות און חסרונות שפּירט ער אַ טי. פעס געזעץ — דאָס געזעץ פון אוניווערזאַלער עוואָ. לוציע. אינם דאָזיקן געזעץ געפינט גיבראַן אַ באַ. שטימטן צוועק, וואָס האָט נויטיק אַלע אונזערע מעשים, ווי קליין אָדער גרויס, ווי נידעריק אָדער דערהאָבן זיי זאָלן אונז נישט אויסזען. איטלעכע מאַ. ניפעסטאַציע פון לעבן און איטלעכע מענטשלעכע איינגנשאַפט דערפירט ער צו אַ אוניווערזאַלן סך הכל, וואו גוטס און שלעכטס, שיין און מיאוס ווערן אומ. פאַרמיידלעכע עלעמענטן אינם פּראָצעס פון מענטש. לעכער אנטוויקלונג.

פרעגט מען אים, וואָס דענקט ער וועגן פאַרברעכן און שטראָף, ענטפערט ער:

„פונקט ווי דער הייליקער און גערעכטער קאָנען זיך נישט דערהויבן איבער דאָס העכסטע אין אייך, אַזוי קאָנען דער פאַרברעכער און שוואַכער נישט זינקען נידעריקער פון דאָס נידעריקסטע אין אייך. און פונקט ווי אַן איינציק בלאַט קאָן נישט געל ווערן אָן דעם שטילן וויסן פון גאַנצן בוים, אַזוי קאָן דער בעל־עולה זיין עולה נישט באַגיין אָן דעם פאַרבאָרגענעם ווילן פון אייך אַלע".

דאָס מיינט אָבער נישט, אַז גיבראַן געפינט אַ זכות פאַר אַלע אומרעכטן און געמיינהייטן. ער גיט זיי בלויז זייער געהעריקן אָרט, כדי יעדער פון אונז זאָל זען אויף וועלכער שטופע פון אַנטוויקלונג ער שטייט לויט זיינע אייגנשאַפטן. גיבראַן פאַרשטעלט נישט זיינע אויערן פאַר די פאַלשע קולות פון לעבן און ער פאַרדעקט נישט זיינע אויגן פאַר די עולות און אומגערעכטיקייטן פון דער וועלט. ער זוכט בלויז די טיפערע סיבה און דעם וייטערדיקן צוועק פון דעם אַלעם. און זוכנדיק די טיפערע סיבה, געפינט ער אָפט, אַז אַלע אונזערע טאָוונגען זענען צונויפגעהאָפטן און אַז סיי דער גערעכטער און סיי דער אומגערעכטער זענען גלייך שולדיק אין די עולות פון דער וועלט:

„איר קאָנט נישט אָפטיילן רעכט פון אומרעכט און גוטס פון שלעכטס. זיי שטייען צוזאַמען אַנטקעגן דער זון, ווי שוואַרצע און ווייסע פעדים אין אַ געוואַנט. און ווען די שוואַרצע פעדים צערייסן זיך, מוז דער וועבער דאָס גאַנצע געוואַנט איבערקוקן, און צום וועב־שטול מוז ער אויך אַ קוק טאָן".

פונקט אַזוי פונדאַמענטאַל רעדט גיבראַן וועגן ליבע, אַרבעט, פרייהייט און אַנדערע פראַגן פון לעבן.

אין אַלעס זעט ער דעם עוואָלוציאָנערישן געפּלעכט פון ליכט און שאָטן. אַלצדינג באַטראַכט ער אין די דימענסיעס פון סיבה, פּועל יוצא און אוניווערזאַלן קיום.

דער נביא איז דאָס ווערק פון אַ ספּיריטועל-עקזאַלטירטן מענטשן. און כאָטש גיבראַן האָט זיין ווערק געשריבן אין אַ פּאָעטישער שפּראַך, דאָך פּאָעטיזירט ער נישט. זיינע עסייען זענען מער ווי דיכטונג, מער ווי פילאָזאָפישע מעדיטאַציע. נישט די דערהויבונג פון פערזענלעכן איך ליגט אין זיי, נאָר די אויפגעציטערטע שטים פון אַ מענטשן, וואָס האָט אין זיך דערשפּירט אַלעמענס איך — יענער גרויסער מענטשן-איך, דורך וועלכן עס ווערט מאַניפעסטירט דער ווילן און דראַנג פון גאַנצן קאָסמאָס.

גיבראַן אַנטפּלעקט פאַר אונז די עסענץ פון אונזער טיפערן וועזן, דעם אויפשטראַל פון אונזער מאָראַלישן און עטישן באַוואוסטזיין. און בעת ער רעדט, הערט ער זיך צו, ווי ער אַליין וואָלט געזאָגט, מיט דעם אויער פון זיין אויער צו דעם קול פון זיין קול.

אודאי איז גיבראַן אַ דיכטער. ער איז אָבער נישט יענער דיכטער, וואָס דערהויבט זיך דורך זיין וואָרט. ער דערהויבט זיך דורך זיין שווייגן. פאַר אים איז די וועלט אַ שווייגנדיקע סימפאָניע, ווייל סיי די נאַטור און סיי דער מענטש טוען זייער וויכטיקע אַרבעט אין דער שטיל. און בעת מיר שטאַמלען און פאַרפלאָנטערן דעם זין פון אונזער לשון, קלייבט גיבראַן זיינע רייד אין דער שטילקייט פון אונזער נשמה, ווייל בלויז אין שווייגן איז דאָס מענטשלעכע וואָרט לויטער און טיף.

אוּן אוּדאי איז גיבּראָן אַ פילאָזאָף. ער איז אָבּער נישט יענער פילאָזאָף, וואָס זוכט דעם דרויסן אין די טיפענישן. אַנשטאָט דעם ווייזט ער אוּנז, אַז אַלע טיפענישן ליגן דוקא אין דעם אוּמענדלעך ליכטיקן דרויסן. אוּן טאָמער גייט ער יאָ צוּ די טיפענישן, ווערט ער יענער וואוּנדערלעכער פּערל-פישער, וואָס וויל ווייזן, אַז די פרייד אויף מענטשלעכע פּנימער איז אויך אַ פּערלדיקע.

עס איז דערפאַר אַ וואוּנדער ווי אַזוי קאַליל גיבּראָן, אַ מענטש פוּן אוּנזער דור, האָט זיך גע־קאָנט אויסהיטן פוּן דער פּאַטאַלער שכל-הערשאַפט פוּן אוּנזער צייט אוּן בּלייבּן אַזוי גאַנץ אוּן האַרמאָניש.

אוּן ווער ווייסט, אפשר איז ער יענער אָדלער, וואָס איז נאָכן רעגן אַרוּנטערגעפלויגן אַ טרוּקענער — ווייל ער איז געפלויגן איבּער די וואָלקנס?

**יצחק האָראָוויץ.**

# דאָס אָנקומען פון דער שיף

אַלמוסטאַפאַ, דער אויסדערוויילטער און באַליבטער, וואָס איז געווען דער באַגינען פון זיין אייגענעם טאָג, האָט צוועלף יאָר נאָכאַנאַנד געוואַרט אין דער שטאָט אָרפאַלעז, וואוהין זיין שיף האָט זיך באַדאַרפט אומקערן און אים פירן צוריק צום אינזל פון זיין געבורט.

און אויפן צוועלפטן יאָר, זיבן טעג אין אלול, אינם חודש פון תבואה־שניט, האָט ער באַשטיגן דעם באַרג און מיטן פנים צום ים זיך געשטעלט; און ער האָט געזען ווי זיין שיף קומט דורכן נעפל.

האָבן זיך די טויערן פון זיין האַרץ פאַנאַנדערגעעפנט, און זיין פרייד איז געפלויגן ווייט איבערן ים. און ער האָט צוגעמאַכט זיינע אויגן און מתפלל געווען אין דער שטילקייט פון זיין נשמה.

נאָר ווען ער האָט אַראָפּגענידערט פון באַרג, איז אים אָן אומעט באַפאַלן, און ער האָט געטראַכט ביי זיך אין האַרץ:

ווי אַזוי קאָן איך פון דאַנען אַוועק רואיק און אָן צער? ניין, אָן אַ וואונד אין מיין נשמה וועל איך די שטאָט נישט פאַרלאָזן.

לאַנג זענען געווען די טעג פון צער, וואָס איך האָב צווישן

אידע וועט פֿאַרבראַכט, און לאַנג זענען געווען די איינזאַמע נעכט;
און ווער קאָן פֿאַרלאָזן זיין צער און איינזאַמקייט אָן חרטה?

ניט אַ מלבוש וואַרף איך היינט פֿון זיך אַראָפּ, נאָר אַ הויט,
וואָס איך רייס מיט מיינע אייגענע פֿינגער.

און דאָס, וואָס בלייבט הינטער מיר איז ניט אַ מחשבה, נאָר
אַ האַרץ באַזיסט מיט הונגער און מיט דאָרשט.

לענגער קאָן איך אָבער ניט פֿאַרבלייבן.

דער ים וואָס רופֿט אַלעס רופֿט אויך מיך, און איך מוז
פֿאַרלאָזן.

ווייל בלייבן, הגם די שעהן ברענען אין דער נאַכט, מיינט
פֿאַרגליווערט ווערן און בינדן זיך צו שימל.

גערן וואָלט איך מיטגענומען אַלעס וואָס דאָ, נאָר ווי קאָן איך
דאָס?

אַ שטים קאָן איר צונג און אירע ליפּן ניט מיטנעמען. אַליין
מוז זי זוכן דעם רוים.

און דער אָדלער קאָן מיט זיין אייגענעם נעסט אַנטקעגן דער
זון ניט פֿליען.

און ווען ער איז צוגעקומען צום פֿוס פֿון באַרג, האָט ער
ווידער זיך געשטעלט מיטן פּנים צום ים, און ער האָט געזען ווי
זיין שיף דערנענטערט זיך צום ברעג; און אויפֿן דעק האָט ער גע-
זען די זעלנער, די מענער פֿון זיין לאַנד.

און זיין נשמה האָט אויסגערופֿן צו זיי, און ער האָט געזאָגט:
זין פֿון מיין אוראַלטער מאַמע, רייטער פֿון די שטראָמען,

ווי אָפט איר האָט געזעגלט אין מיינע חלומות. און איצט קומט איך אין מיין דערוואַכונג, אָבער אין אמתן איז דאָס מיין טיפערער חלום.

איך בין גרייט, און מיט אָנגעצויגענע זעגלען וואַרט מיין נייגיר אויף דעם אָנקומענדיקן ווינט.

בלויז איין אָטעמצוג וועל איך אַריינאָטעמען אין דער לופט, בלויז איין ליבלעכן קוק אויף צוריק.

און דערנאָך וועל איך זיין מיט אייך, אַ ים־מענטש צווישן ים־מענטשן.

און דו, אומענדלעכער ים, שלאָפלאָזע מאַמע,

רו און באַפרייאונג פון טייך און שטראָם,

בלויז איין דריי וועט דער שטראָם זיך געבן, בלויז איין מורמל,

און קומען וועל איך דערנאָך צו דיר, אַן אומענדלעכער טראָפן אין אַ אומענדלעכן ים.

און גייענדיק, האָט ער פון ווייטנס געזען ווי מענער און פרויען פאַרלאָזן זייערע פעלדער און ווייַנגערטנער און איילן צו די שטאָט־טויערן.

און ער האָט געהערט ווי זיי רופן זיין נאָמען, און ווי זיי זאָגן אָן איינס דאָס אַנדערע אַז זיין שיף איז געקומען.

און ער האָט צו זיך געזאָגט:

זאָל דער טאָג פון שיידונג גאָר זיין דער טאָג פון פאַרזאַמלונג?

און זאָל עס מיינען, אַז מיין פאַרנאַכט איז גאָר אין אמתן מיין באַגינען געווען?

און וואָס זאָל איך געבן דעם, וואָס האָט אין מיטן אַקערן זיין אַקער פאַרלאָזן, אָדער דעם, וואָס האָט די ראָד פון זיין וויין־פּרעס אָפּגעשטעלט?

זאָל מיין האַרץ ווערן אַ בוים באַלאָדן מיט פּירות און איך זאָל זיי די פּירות געבן?

און זאָלן מיינע באַגערן פליסן ווי אַ קוואַל און איך זאָל זייערע בעכערס אָנפילן?

צי דען בין איך אַ האַרף, וואָס די האַנט פון אַלמעכטיקן וועט באַרירן, אָדער אַ פלייט, וואָס דורך איר וועט זיין אָטעם דורכפליסן?

צי דען בין איך אַ זוכער פון שווייגן, און וועלכן אוצר האָב איך אינם שווייגן געפונען, וואָס איך זאָל דאָס מעגן מיט אמונה פאַנאַנדערטיילן?

אויב דאָס איז מיין טאָג פון שניט־צייט, איז אויף וועלכע פעלדער און אין וועלכע פאַרגעסענע סעזאָנען האָב איך מיין זריעה פאַרזייט?

און אויב דאָס איז באמת די שעה ווען איך דאַרף אויפהויבן מיין לאַמטערנע, וועט אָבער אין איר מיין פלאַם נישט ברענען.

ליידיק און פינצטער וועל איך מיין לאַמטערנע אויפהויבן,

און אָנפילן מיט נאַפט וועט עס דער נאַכט־שומר, און ער וועט עס אויך אָנצינדן.

דאָס אַלעס האָט ער געזאָגט מיט רייד. אָבער אין זיין האַרץ איז פאַרבליבן אַ סך מער, וואָס ער האָט נישט אַרויסגעזאָגט. ווייל זיין טיפערן סוד האָט ער נישט געקאָנט אַרויסריידן.

און ווען ער איז אַריינגעקומען אין שטאָט זענען אַלע איינ־

וואוינער אים אנטקעגנגעקומען. און ווי מיט איין קול זיך געבעטן צו אים.

און די עלטססטע פון שטאט האבן זיך געשטעלט פאראוים און געזאגט:

גיי נישט אוועק פון אונז.

דו ביסט געווען דאס טאג-ליכט פון אונזער בין השמשות, און דיין יוגנט האט אונז געגעבן חלומות צום חלומען.

נישט קיין פרעמדער ביסטו צווישן אונז, אויך נישט קיין גאסט, נאר אונזער זון און אונזער געליבטער ביסטו.

דערלאז נישט, אז אונזערע אויגן זאלן הונגערן נאך דיין פנים.

און די פריסטער און פריסטערינס האבן צו אים געזאגט:

זאלן די כוואליעס פון ים אונז נישט צושיידן, און זאלן די יארן וואס דו האסט מיט אונז פארבראכט א בלויזער אנדענק נישט פארבלייבן.

ווי א גייסט ביסטו צווישן אונז ארומגעגאנגען, און דיין שאטן איז געווען א שיין אויף אונזערע פנימער.

מיר האבן דיך שטארק ליב געהאט. אבער אונזער ליבע איז געווען שטום, און אין שלייערן געהילט.

אצינד אבער שרייט הויך אונזער ליבע צו דיר, און זי וועט זיך פאר דיר אנטפלעקן.

און פון תמיד אן איז שוין אזוי באשערט, אז ביז אין דער שעה פון שיידונג זאל די ליבע איר אייגענע טיפקייט נישט וויסן.

און נאך מענטשן זענען געקומען און צו אים זיך געבעטן. ער האט אבער נישט געענטפערט. ער האט בלויז פארנויגט דעם

קאַפּ; און די, וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צו אים האָבן געזען ווי זיינע טרערן פאַלן אויף זיין ברוסט.

און ער און די מענטשן האָבן זיך פאַרנומען צו דער גרויסער פלאַזע וואָס אַנטקעגן בית המקדש.

און דאָרט איז פונם קדשי קדשים אַרויסגעקומען אַ פרוי און איר נאָמען איז געווען אַלמיטראַ. און זי איז געווען אַ נביאה.

און ער האָט אויף איר געקוקט מיט אומגעווייַנלעכער צאַרט־קייט, ווייל בעת ער איז נאָרוואָס אָנגעקומען אין שטאָט אַריין האָט זי די ערשטע אים געזוכט און געגלויבט.

און זי האָט אים באַגריסט, און געזאָגט:

נביא פון גאָט, גרויס איז דיין כּוונה, און לאַנג האָסטו דיין שיף אין די ווייטענישן אַרומגעזוכט.

און איצט איז דיין שיף געקומען, און דו מוזט פאַרלאָזן.

גרויס איז דיין בענקעניש נאָך דעם לאַנד פון דיינע זכרונות און נאָך דעם וואוינאָרט פון דיינע העכערע באַגערן; און אונזער ליבע וועט דיך נישט בינדן, און אונזער נויט וועט דיך נישט צוימען.

נאָר איידער דו פאַרלאָזט אונז, בעטן מיר דיך, דו זאָלסט רעדן צו אונז און מיט דיין אמת אונז באַשענקען.

און מיר וועלן מיט דיין אמת אונזערע קינדער באַשענקען, און זיי זייערע קינדער, און דיין אמת וועט קיינמאָל נישט שטאַרבן.

אין דיין איינזאַמקייט האָסטו אונזערע טעג געהיט, און אין דיין וואַכזאַמקייט האָסטו צום געוויין און צום געלעכטער פון אונזער שלאָף זיך צוגעהערט.

אַנטפּלעק אונז פאַר אונז זעלבסט, און דערצייל אונז אַלעס.

וואָס דיר איז געוויזן געוואָרן אין משך פון יענער צײַט,
וואָס ליגט צווישן געבורט און טויט.

אוּן ער האָט געענטפערט:
איינוואוינער פון אָרפּאַלעז, צי דען קאָן איך אייך דערציילן
עפּעס מער ווי דאָס, וואָס באַוועגט זיך אין אייערע אייגענע נשמות?

## וועגן ליבע

דערנאָך האָט אלמיטרא געזאָגט: רייד צו אונז וועגן ליבע.
און ער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ און געקוקט
אויף די מענטשן, און אַ שטילקייט איז אויף אַלעמע גע־
פאַלן. און ער האָט געזאָגט:

ווען ליבע רופט אייך, גייט,
הגם אירע וועגן זענען שווער און משופּעדיק.
און ווען אירע פליגלען נעמען אייך אַרום, גיט זיך אונטער,
הגם די שווערד וואָס ליגט באַהאַלטן אין אירע פליגלען קאָן אייך פאַרוואונדן.
און ווען זי רעדט צו אייך, גלויבט איר,
הגם איר שטים קאָן צושטערן אייערע חלומות ווי דער צפון־ווינט דעם גאָרטן.

ווייל פּונקט ווי ליבע קאָן אייך קרוינען, אַזוי קאָן זי אויך אייך קרייציקן. און פּונקט ווי זי מאַכט אייך בליען, אַזוי מאַכט זי אייך אויך וועלקן.

ליבע קאָן זיך דערהויבן צו אייער הויך און גלעטן די זײַנסטע בווייגן, וואָס ציטערן אַנטקעגן דער זון.
און זי קאָן אויך נידערן צו אייערע וואָרצלען און צערודערן זייער טוליען זיך צו דער ערד.

ווי קוקורוזע־גארבנס בינדט זי אײַך צו זיך.
זי דרעשט אײַך ביז נאַקעטקייט.
זי זיפּט אײַך דורך און באַפרייט אײַך פון אייערע שויטן.
זי צעמאָלט אײַך ביז ווייסקייט.
זי קנעט אײַך ביז ווייכקייט.
און דערנאָך וואָרפט זי אײַך אַרײַן אין איר הייליק פײַער, כדי איר זאָלט ווערן הייליק ברויט פאַר גאָטס הייליקער סעודה.

אַזוי וועט ליבע זיך נוהג זיין מיט אײַך ביז איר וועט באַנעמען די סודות פון אייער האַרץ, און ביז איר וועט ווערן אַ טייל פונם לעבנס האַרץ.

נאָר טאָמער שרעקט איר זיך און זוכט בלויז די רו און פרייד פון ליבע,
דאַן איז גלייכער איר זאָלט פאַרדעקן אייער נאַקעטקייט און אויסמיידן דער ליבעס דרעש־דיל,
און בלייבן אין דער סעזאָנענלאָזער וועלט וואו איר וועט קאָנען לאַכן, אָבער נישט מיט אייער פולן געלעכטער, און וואו איר וועט קאָנען וויינען, אָבער נישט מיט אַלע אייערע טרערן.

ליבע גיט גאָרנישט חוץ ליבע און נעמט פון קיינעם חוץ פון זיך.

ליבע באַזיצט נישט און וויל נישט ווערן באַזיצט;
ווייל ליבע איז גענוג פאַר ליבע.

ווען איר ליבט זאָלט איר נישט זאָגן „גאָט איז אין מיין האַרץ", זאָגט בעסער: „איך בין אין גאָטס האַרץ".

און מיינט נישט, אַז איר קאָנט באַשטימען דער ליבעס וועג, ווייל, אויב איר זענט נאָר זוכה, וועט ליבע אייער וועג באַשטימען.

ליבע האָט נישט קיין אַנדער כונה ווי בלויז זיך אַליין צו דערגרייכן.

נאָר טאָמער ליבט איר און איר מוזט האָבן כונות, זאָלן דאָס אייערע כונות זיין:

זיך אויפלייזן ווי אַ לויפנדיק טייכל, וואָס זינגט צו דער נאַכט.

וויסן דעם צער פון צופיל צערטלעכקייט.

ווערן פאַרוואונדעט פון אייער אייגענער פאַרשטענדעניש פון ליבע;

און בלוטן גערן און מיט פרייד.

אויפשטייען באַגינען מיט אַ באַפליגלט האַרץ און דאַנקען פאַר נאָך אַ טאָג ליבע;

רוען ביי טאָג און קלערן וועגן ליבעס עקסטאַז;

אַהיימקומען אין אָוונט מיט דאַנקבאַרקייט;

און זיך לייגן שלאָפן מיט אַ ברכה אין אייער האַרץ פאַר דער געליבטער און מיט אַ לויב-ליד אויף אייערע ליפּן.

# וועגן הייראַט

דערנאָך האָט אַלמיטראַ ווידער גערעדט און געזאָגט: און וואָס איז וועגן הייראַט, האַר?

און ער האָט געענטפערט און געזאָגט

אינאיינעם זענט איר געבוירן געוואָרן און אינאיינעם זאָלט איר אייביק פאַרבלייבן.

און ווען די ווייסע פליגלען פון טויט וועלן פאַנאַנדערשיטן אייערע טעג, זאָלט איר אויך אינאיינעם זיין.

יאָ, אַפילו אינם שטילן אָנדענק פון גאָט זאָלט איר זיין אינ־איינעם

נאָר זעט, אַז אין אייער נאָענטקייט זאָלן צווישן־ערטער זיך געפינען,

און די הימל־ווינטן זאָלן טאַנצן צווישן אייך.

האָט ליב איינס דאָס אַנדערע, אָבער אַ צוים פון אייער ליבע זאָלט איר נישט מאַכן:

זאָל אייער ליבע זיין אַ באַוועגלעכער ים צווישן די ברעגן פון אייערע נשמות.

איר מעגט אָנפילן איינער דעם אַנדערנס בעכער, אָבער פון זעלביקן בעכער זאָלט איר נישט טרינקען.

איר מעגט זיך טיילן מיט אייער ברויט, אָבער פון זעלביקן לאַבן זאָלט איר נישט עסן.

אינאיינעם זאָלט איר זינגען און טאַנצן און פריילעך זיין, נאָר זעט אַז יעדער פון אייך זאָל זיין אַליין,

ווייל די סטרונעס פון דער לירע זענען אויך אַליין, הגם זיי ציטערן מיט דערזעלבער מוזיק.

גיט אייער האַרץ, אָבער נישט אַז דער צווייטער זאָל עס האַלטן.
ווייל נאָר די האַנט פון לעבן קאָן האַלטן אייערע הערצער.
און שטיין זאָלט איר צוזאַמען אָבער נישט צו נאָענט:
ווייל די זיילן פון בית המקדש שטייען אויך פון ווייטן,
און דער אייכנבוים און ציפּרעס וואַקסן נישט איינער אינם אַנדערנס שאָטן.

# וועגן קינדער

פון אַ פרוי וואָס האָט געהאַלטן אָ קינד ביי איר בּרוסט האָט געזאָגט: רעד צו אונז וועגן קינדער.

און ער האָט געזאָגט:

אייערע קינדער זענען נישט אייערע קינדער.

זיי זענען די זין און טייכטער פונם לעבּנס זעלבּסט-בּענקעניש.

זיי קומען דורך אייך אָבער נישט פון אייך.

און הגם זיי זענען מיט אייך, צו אייך אָבער געהערן זיי נישט.

איר מעגט זיי שענקען אייער ליבּע אָבּער ני״ט אייערע געדאַנקען,

ווייל זיי האָבּן זייערע אייגענע געדאַנקען.

איר מעגט באַשיצן זייערע גופים אָבער נישט זייערע נשמות,

ווייל זייערע נשמות וואוינען אינם הויז פון מאָרגן, און איר צו יענעם הויז קאָנט אַפילו אין אייערע חלומות נישט קומען.

איר מעגט שטרעבּן צו זיין אַזוי ווי זיי, פאַרלאַנגט אָבער ניט״ז, אַז זיי זאָלן זיין אַזוי ווי איר.

ווייל דאָס לעבן גייט נישט אויף צוריק און ביים נעכטן בלייבט עס אויך נישט.

איך זענט די בויגנס פון וועלכע אייערע קינדער פליען ווי לעבעדיקע פיילן פאָראויס.

דער בויגנשיסער צילט אין דער אייביקייט, און ער בויגט אייך מיט כח כדי זיינע פיילן זאָלן וואָס וייטער און וואָס פלינקער פליען.

זאָל אייער בויגן זיך אינם בויגנשיסערס האַנט אייער נחת זיין; ווייל פונקט ווי ער האָט ליב די פליענדיקע פייל, אַזוי האָט ער אויך ליב דעם שטייענדיקן בויגן.

# וועגן געבן

דערנאָך האָט אַ נגיד געזאָגט: רעד צו אונז וועגן געבן.
און ער האָט געענטפערט:
ווען איר גיט פון אייער אייגנטום גיט איר ווינציק.
דאָס אמתע געבן איז ווען איר גיט פון זיך.

צי דען איז אייגנטום עפּעס מער ווי דאָס, וואָס איר האַלט און היט אויס מורא אַז איר וועט עס מאָרגן באַדאַרפן?

און מאָרגן, וואָס זאָל דער מאָרגן ברענגען דעם אויסגערעכנטן הונט וואָס באַהאַלט ביינער אין שפּורלאָזן זאַמד בשעת ער באַגלייט די וואַנדערער צו דער הייליקער שטאָט?

און וואָס איז די מורא פאַר נויט אויב נישט נויט זעלבסט?

און דעם דאָרשט וואָס איר פילט בשעת אייער ברונעם איז פול וועט איר קיינמאָל נישט לעשן.

פאַראַן אַזוינע וואָס גיבן ווינציק פון זייער אייגנטום — און דאָס וואָס זיי גיבן איז בלויז אַן אָנשטעל, אָבער זייער פאַרבאָרגענע כוונה צערט אָפּ דעם ווערט פון זייער געשאַנק.

און פאַראַן אַזוינע וואָס האָבן ווינציק און גיבן אינגאַנצן.

די זענען די גלויביקע, און זייער קופערט איז קיינמאל נישט ליין;

אַנדערע גיבן מיט פרייד, און פרייד איז זייער לוין.

און פאַר די וואָס גיבן מיט צער, איז צער זייער לוין.

און פאַראַן אַזוינע וואָס גיבן און פילן נישט קיין צער, און זוכן נישט קיין פרייד, און פאַר קיין טוגנט האַלטן זיי דאָס אויך נישט;

און דאָס זענען די מענטשן דורך וועמעס הענט גאָט רעדט און דורך וועמעס אויגן גאָט שמייכלט איבער דער ערד.

גוט איז צו געבן ווען מען מאָנט, בעסער אָבער איז צו געבן ווען מען מאָנט נישט, אַליין דאַרף מען זיך משער זיין;

אָבער די גרעסטע פרייד פונם געבער איז נישט אַזוי דאָס געבן, ווי דאָס אויפזוכן איינעם וואָס זאָל נעמען.

צי דען איז פאַראַן אַזוינס וואָס איר קאָנט צוריקהאַלטן?

אַלעס וואָס איר האָט וועט סוף כל סוף אָוועקגעגעבן ווערן;

גיט דעריבער איצט, כדי די צייט פון געבן זאָל אייך געהערן און נישט אייערע יורשים.

איר זאָגט אָפט „איך וועל געבן, אָבער נאָר דעם, וואָס איז ווערט".

די ביימער אין אייער גאָרטן זאָגן נישט אַזוי, און די סטאַדעס אין אייער פאַשע אויך נישט.

זיי גיבן כדי צו לעבן, ווייל צוריקהאַלטן מיינט אומקומען.

דער וואָס איז ווערט זיינע טעג און זיינע נעכט, איז שוין ממילא ווערט דאָס, וואָס איר קאָנט אים געבן.

אוּן דער וואָס איז זוכה צוּ טרינקען פוּנם קוואַל פוּן לעבן, איז דאָך ממילא זוכה אָנצוּפילן זיין שעפל פוּן אייער קליינעם שטראָם.

אוּן וואָס קאָן נאָך זיין גרעסער, ווי דער מוּט אוּן צוּטרוי — ניין, די צדקה — וואָס ליגט אינם נעמען?

אוּן ווער זענט איר וואָס מענטשן זאָלן דאַרפן אַנטבלויזן זייערע בוּזעמס אוּן אייך ווייזן זייער שטאָלץ אָן בוּשה?

זעט בעסער אַז איר אַליין זאָלט ווערט זיין צוּ געבן.

ווייל אין אמתן גיט בלויז דאָס לעבן דעם לעבן — בעת איר, וואָס האַלט זיך פאַר געבער, זענט בלויז עדוּת דערצוּ.

אוּן איר, נעמערס — אוּן נעמערס זענט איר דאָך אַלע — זייט נישט דאַנקבאַר, אַנישט וועט איר זיך אוּן דעם געבער צוּימען.

ווי אוּיף פליגלען זאָלט איר זיך אוּיפהויבן אינאיינעם מיט דעם געבערס געשאַנק;

ווייל כּסדר אין זינען האָבן דעם חוב מיינט צווייפלען אין דער פרייגיביקייט פוּנם געבער, וואָס די ברייטהאַרציקע ערד איז זיין מוּטער, אוּן גאָט זיין פאָטער.

# וועגן עסן און טרינקען

נערנאַך האָט אַ זקן, אַ בעל-אַכסניה, געזאָגט: רעד צו אונז ווענן עסן און טרינקען.

און ער האָט געזאָגט:

דערנערט זיך מיט די בשמים פון דער ערד און מיט זונליכט, ווי אַ פלאַנץ.

נאָר אויב איר זענט געצוואונגען צו קוילען, און איר מוזט דעם זויגלינג פון זיין מאַמעס מילך בארויבן, כדי אייער דאָרשט צו לעשן,

דאַן זעט אַז אייער שפייז זאָל זיין אַ הייליקער מזבח, און די אומשולדיקע וואַלד- און פעלד-באַשעפענישן זאָלן זיין די קרבנות וואָס איר זענט מקריב פאַר דאָס ריינע אומשולדיקע אינם מענטשן.

ווען איר קוילעט אַ חיה, זאָגט צו איר אין אייער האַרץ:

„דערזעלבער כח וואָס פאַרטיליקט דיך, וועט מיך אויך פאַרטיליקן;

און איך וועל אויך פאַרצוקט ווערן.

ווייל דאָס זעלבע געזעץ וואָס האָט דיך צו מיין האַנט גע־בראַכט, וועט מיך צו אַ פיל־מעכטיקערער האַנט ברענגען.

דיין בלוט און מיין בלוט איז נישט מער ווי דער זאַפט וואָס נערט דעם בוים פון הימל״.

און ווען איר צעדריקט אַן עפּל מיט אייערע ציין, זאָגט צו אים אין אייער האַרץ:

„דיין יאָדרע וועט לעבן אין מיין גוף,

און די קנאָספּן פון דיין מאָרגן וועלן בליען אין מיין האַרץ,

און דיין ריח וועט מיין אָטעם זיין,

און אינאיינעם וועלן מיר זיך פרייען אין דער אייביקייט״.

און הערבסט, ווען איר קלייבט די ווייַנטרויבן פון אייערע וויינגערטנער פאַר דער וויין־פּרעס, זאָגט אין אייער האַרץ:

„איך בין אויך אַ ווייַנגאַרטן, און מיינע פּירות וועלן אויך גע־קליבן ווערן פאַר דער וויין־פּרעס,

און ווי נייער וויין וועל איך אין אייביקע פעסער געהאַלטן ווערן.״

און ווינטער, ווען איר צאַפּט דעם וויין, זאָל אייער האַרץ צו יעדן בעכער אַ ליד זינגען;

און אינם ליד זאָל ליגן דער אָנדענק פון די הערבסט־טעג, און פון דעם ווייַנגאַרטן, און פון דער וויין־פּרעס.

## וועגן אַרבעט

דערנאָך האָט אַ אַקערער געזאָגט: רעד צו אונז וועגן אַרבעט
און ער האָט געענטפערט, און געזאָגט:
איר אַרבעט כדי נאָכצוהאַלטן דעם גאַנג פון דער ערד און פון דער ערדס נשמה.

ווייל דער ליידיק־גייער בלייבט אַ פרעמדער צו די סעזאָנען און ער ווערט אַרויסגעשטויסן פונם לעבנס פּראָצעסיע, וואָס מאַרשירט שטאָלץ און מאַיעסטעטיש אויף די וועגן פון דער אייביקייט.

ווען איר אַרבעט זענט איר אַ פלייט וואָס דורך איר האַרץ ווערט דאָס שעפּטשען פון די שעהן אין מוזיק פאַרוואַנדלט.

צי וויל דען ווער פון אייך זיין אַ שטומער און טרוקענער שטאָם, בעת אַלעס זינגט אין אַ געמיינזאַמען כאָר?

מען האָט אייך תמיד געזאָגט, אַז אַרבעט איז אַ קללה און מ׳ אַן אומגליק.

איך אָבער זאָג צו אייך, אַז ווען איר אַרבעט פאַרווירקלעכט איר

אַ טייל פון דער ערדס ווייטסטן חלום, וואָס אייך איז צוגעטיילט געוואָרן אין דער רגע פון אייער געבורט.

און ווען איר אַרבעט באַווייזט איר, אַז איר האָט ליב דאָס לעבן.

און דער וואָס האָט ליב דאָס לעבן דורך אַרבעט, ווערט באַהאַפטן מיט דעם לעבנס טיפסטן סוד.

נאָר אויב איר באַקלאָגט זיך, אַז אייער געבורט איז אַן אומגליק, און אַז די לאַסט פון אייער גוף איז אַ קללה, וואָס מען האָט אויף אייער שטערן אָנגעצייכנט,

דאַן ענטפער איך, אַז בלויז מיט דעם שוויס פון אייער אייגענעם שטערן וועט איר דעם צייכן אָפּמעקן.

און מען האָט אייך אויך געזאָגט, אַז לעבן איז פינסטערניש, און איר אין אייער מידקייט חזרט איבער דאָס, וואָס די מידע האָבן אייך געזאָגט.

און איך זאָג, אַז אַן דראַנג איז דאָס לעבן פינצטערניש,

און אַז יעטוועדער דראַנג איז פוסט אָן וויסן,

און אַז וויסן איז פוסט אָן אַרבעט,

און אַז יעטוועדע אַרבעט איז נוצלאָז, סיידן זי ווערט געטאָן מיט ליבע;

און ווען איר אַרבעט מיט ליבע, דאַן באַהעפט איר זיך מיט זיך, און מיט אַלעמען אַרום זיך, און מיט גאָט.

און וואָס מיינט אַרבעטן מיט ליבע?

עס מיינט וועבן דאָס געוואַנט מיט פעדעם פון אייער האַרץ, אַקוראַט ווי דאָס געוואַנט וואָלט פאַר אייער געליבטער געווען.

עס מיינט בויען דאָס הויז מיט ליבע, אַקוראַט ווי אייער געליבטע וואָלט דאָרט באַדאַרפט וואוינען.

עס מיינט זייען מיט ליבע און שניידן מיט פרייד, אַקוראַט ווי אייער געליבטע וואָלט די פרוכט באַדאַרפט עסן.

און עס מיינט אַריינאָטעמען דעם אָטעם פון אייער נשמה אין אַלעס וואָס איר טוט,

און האָבן דאָס באַוואוסטזיין, אַז די גליקלעך-געשטאָרבענע שטייען דערנעבן און קוקן אויף אייך.

איך האָב אָפט געהערט אייך זאָגן: „דער, וואָס אַרבעט מיט מאַרמאָר, און קאַרבט אַריין אינם שטיין דעם פורעם פון זיין איי-גענער נשמה, איז נאָבעלער פון דעם, וואָס באַאַקערט דאָס פעלד.

און דער, וואָס נוצט די פאַרבן פון רעגנבויגן צו מאָלן דאָס געשטאַלט פון אַ מענטש, איז ווירדיקער פון דעם, וואָס מאַכט סאַנ-דאַלן פאַר אונזערע פיס".

איך אָבער זאָג, אַז דער ווינט שעפּטשעט צום קלענסטן גרעזל פונקט אַזוי ליבלעך ווי צום ריזיקן דעמב;

און גרויס איז יענער נאַר, וואָס פאַרוואַנדלט די שטים פון ווינט אין אַ ליד און באַזינגט עס מיט זיין אייגענער ליבע.

אַרבעט איז אַנטפּלעקטע ליבע.

אויב איר אַרבעט אָן חשק און אָן ליבע, איז שוין גלייכער איר זאָלט די אַרבעט אָוועקלייגן און זיך אַנידערזעצן ביים טויער פון בית המקדש און קלייבן נדבות ביי די, וואָס אַרבעטן מיט ליבע.

און אויב איך באַקט אייער ברויט מיט גלייכגילט, וועט דאָס ברויט זיין ביטער און מער ווי אַ העלפט פון אַ מענטשנס הונגער וועט עס נישט שטילן.

און אויב איך דריקט די ווייַנטרויבן מיט נישט פאַרגינונג, וועט דער זאַפט טריפן ווי סם אין אייער וויין.

און אויב איך זינגט ווי מלאכים, אָבער ליבט איך נישט אייער געזאַנג, דאַן פאַרשטעלט איך דעם מענטשנס אויערן צו די קולות פון טאָג און צו די קולות פון דער נאַכט.

## וועגן פרייד און צער

דערנאָך האָט אַ פרוי געזאָגט: רעד צו אונז וועגן פרייד און צער.

און ער האָט געענטפערט:

אייער פרייד איז אייער אַנטבלויזטער צער.

און דערזעלבער קוואַל פון וועלכן אייער געלעכטער שטראָמט אַרויס איז אָפט געווען פול מיט אייערע אייגענע טרערן.

און קאָן עס דען אַנדערש זיין?

וואָס טיפער דער צער קאַרבט זיך אַריין אין אייער וועזן אַלץ גרעסער וועט אייער קומענדיקע פרייד זיין.

צי דען האָט אייער ווין־בעכער זיך נישט געברענט אינם טעפּערס אויוון?

און צי דען איז די לידע, וואָס באַרואיקט אייער נשמה, נישט געמאַכט פון דעמזעלבן האָלץ, וואָס איז מיט מעסערס אויסגעהוילט געוואָרן?

ווען איר זענט פריילעך, קוקט טיפער אין אייער האַרץ און איר וועט זען, אַז דאָס, וואָס גיט אייך איצט פרייד האָט אַמאָל אייך צער געגעבן.

און ווען איר זענט באַצערט, קוקט ווידער אין אייער האַרץ, און איר וועט זען, אַז אין אמתן באַקלאָגט איר דאָס, וואָס איז אַמאָל אייער פרייד געווען.

טייל פון אייך זאָגן „פרייד איז גרעסער פון צער", און אַנ־דערע זאָגן „ניין, צער איז גרעסער".

איך אָבער זאָג צו אייך, אַז פרייד און צער זענען אומצע־טיילבאַר.

אינאיינעם קומען זיי, און ווען צער זיצט מיט אייך ביים טיש, געדענקט, אַז פרייד שלאָפט אין אייער בעט.

איר הענגט אַזוי ווי צווי וואָג־שאָלן צווישן אייער צער און פרייד.

בלויז ווען איר זענט ליידיק הענגט איר שטיל און אומבאַוועגלעך.

ווען דער בעל אוצר צעשווינגט אייך כדי איבערצוּוועגן זיין גאָלד און זיין זילבער, דאַן מוז אייער פרייד אָדער צער ענטוועדער זיך הויבן אָדער פאַלן.

# וועגן הייזער

דערנאָך האָט אַ מויערער זיך אָפּגערופן און געזאָגט: רעד צו אונז וועגן הייזער.

און ער האָט געענטפערט, און געזאָגט:

איידער איר בויט אייער הויז אין שטאָט, זאָלט איר קודם אין אייער פאַרשטעלונג אויפשטעלן אַ ביידל אין דעם מדבר.

ווייל פונקט ווי דער בין השמשות רופט אייך אַהיים, אַזוי רופט דעם וואַנדערער אין אייך אַ שטיל און איינזאַם ווינקל.

אייער הויז איז אייער גרעסערער גוף.

עס וואַקסט אַנטקעגן דער זון און שלאָפט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט; און חלומות האָט עס אויך. צי דען חלומט נישט אייער הויז? און בעת עס חלומט, פאַרלאָזט עס די שטאָט און טראָגט זיך אַוועק צום פעלד און באַרג.

איך וואָלט וועלן צוזאַמענקלייבן אייערע הייזער אין מיינע הענט און זיי צעוואַרפן איבער פעלדער און וועלדער.

איך וואָלט וועלן, אַז די טאָלן זאָלן אייערע גאַסן זיין, און די גרינע סטעזשקעס אייערע וועגן, און אַז איר זאָלט זיך זוכן אין די

ווייגגארטנער, און אהיימקומען מיט דעם ריח פון ערד אין אייערע מלבושים.

אבער דאס קאן נאך איצט נישט געשען:

אייערע אור-עלטערן האבן אייך אין זייער שרעק צו נאענט צענויפגעבראכט. און יענער שרעק וועט לאנג נאך אנהאלטן. לאנג וועלן נאך די שטאטישע ווענט שטיין ווי א מחיצה צווישן אייערע הערצער און די פעלדער.

און זאגט מיר, איינוואוינער פון ארפאלעז, וואס האט איר אין דיזאזיקע הייזער? און וואס ליגט דארט הינטער פארריגלטע טירן?

האט איר דארט רו, דעם שטילן דראנג, וואס אנטפלעקט אייער כח?

האט איר דארט זכרונות, די פינקלדיקע קאלאנעס, וואס שורהן זיך צו די העכסטע הויכן פון אייער פארשטאנד?

האט איר דארט שיינקייט, וואס פירט דאס הארץ צו די הייליקע בערג?

זאגט, געפינט זיך דאס אלץ אין אייערע הייזער?

צי האט איר בלויז באקוועמלעכקייט, וואס צוערשט קומט עס ווי א גאסט, דערנאך ווערט עס א בעל-הבית, און שפעטער א האר?

יא, און עס ווערט א צוימער, און מיט קלאמער און בייטש מאכט עס ליאלקעס פון אייערע העכערע באגערן.

און כאטש עס האט הענט פון זייד, האט עס אבער א הארץ פון אייזן.

עס פארוויגט אייך צארט, אבער דערנאך שטייט עס נעבן אייער געלעגער און פארלאכט דעם שטאלץ פון אייער לייב.

עס חוזקט פון אייערע געזונטע חושים, און פארעט זיך מיט זיי ווי מיט שוואכע כלים.

יא, דער חשק צו באקוועמלעכקייט טויטעט אייערע נשמה־באגער, און באגלייט זיי לאכנדיק צו זייער קבר.

אבער איר, קינדער פון די רוימען, אומרואיקע אין אייער רו, איר זאלט נישט געפאנגען און נישט געצוימט ווערן.

נישט אן אנקער זאלן אייערע הייזער זיין, נאר א מאסט.

נישט א הייטל, וואס פארדעקט א וואונד, נאר א אויגן־לעדל, וואס היט אפ דאס אויג.

איר זאלט אייערע פליגלען צוליב די ענגע טירן נישט צו־זאמענלייגן, און אייערע קעפ צוליב די נידעריקע באלקנס נישט איינ־בויגן, און אייערע אטעמס צוליב די שוואכע ווענט נישט איינהאלטן.

וואוינט נישט אין די קברים, וואס מתים האבן פאר די לעבע־דיקע אויסגעבויט.

און מעג ווי שיין זיין אייער הויז, אבער אייער סוד טאר עס נישט פארהוילן, און אייער בענקשאפט טאר עס נישט צוימען.

ווייל דאס אומצוימבארע אין אייך וואוינט אין דער ווייטקייט פון הימל, וואס דער מארגן־נעפל איז זיין טיר און די געזאנגען און שווייגענישן פון דער נאכט — זיינע פענסטער.

# וועגן קליידער

און אַ וועבער האָט געזאָגט: רעד צו אונז וועגן קליידער.

און ער האָט געענטפערט:

אייערע קליידער דעקן צו אַ היפּשן טייל פון אייער שיינקייט, אָבער דאָס נישט שיינע דעקן זיי נישט צו.

און כאָטש איר פילט זיך פריי און אָפּגעזונדערט אין אייערע קליידער, דאָך זענען זיי אָפּט אַ יאָך און אַ קייט פאַר אייך.

איך וואָלט וועלן איר זאָלט באַגעגענען דעם ווינט מיט וואָס מער לייב און וואָס ווייניקער קליידער.

ווייל אינם זונליכט ליגט דער אָטעם פון לעבן, און אינם ווינט די האַנט פון לעבן.

טייל פון אייך זאָגן „דער צפון־ווינט האָט געוועבט אונזערע קליידער".

איך אָבער זאָג, יאָ, דער צפון־ווינט האָט געוועבט אייערע קליידער.

אָבער חרפּה איז געווען זיין וועב־שטול, און שוואַכקייט זיין פאָדים.

און ווען ער האט זיין ארבעט אפגעטאן, האט ער זיך פאר-
קליבן אין וואלד און געלאכט פון אייך.

פארגעסט נישט אז עניוות, איז בלויז א צודעק, וואס פאר-
שטעלט דאס אויג פון זינדיקן.

און ווען דער זינדיקער וועט מער נישט זיין, וואס וועט פון
עניוות בלייבן, חוץ א פענטע און א באליידיקונג פארן געדאנק?

און פארגעסט נישט, אז די ערד האט ליב צו שפירן אייערע
פיס, און אז די ווינטן בענקען נאך דעם שפיל פון אייערע האר.

# וועגן קויפן און פארקויפן

און אַ סוחר האָט געזאָגט: רעד צו אונז וועגן קויפן און פאַרקויפן.

און ער האָט געענטפערט, און געזאָגט:

די ערד גיט אייך אירע פרוכט, נאָר ווען איר וואָלט געוואוסט דעם זין פון אמתער באַפרידיקונג וואָלט איר די פרוכט נישט גענומען.

אייער שפע און באַפרידיקונג ליגט אינעם אויסטויש פון דער ערדס מתנות.

נאָר אויב דער אויסטויש ווערט נישט געמאַכט מיט ליבע און מיט יושר, דאַן וועט עס פירן טייל צו זשעדנעקייט און טייל צו הונגער.

ווען איר קומט אין אייערע מערק — איר, אַרבעטער פון ים, פעלד און ווייַנגאָרטן — און איר באַגעגנט דאָרט די טעפערס און געווירץ-קלייבער —

טוט תפילה צום גייסט פון דער ערד, און בעט אים ער זאָל קומען צווישן אייך און הייליקן אייערע וואָג-שאָלן און חשבונות.

און דערלאָזט נישט, אַז דער ליידיק-גייער זאָל זיך מישן אין

אייערע עסקים, ווייל זיין כוונה איז צו פארקויפן אייך רייד פאר פראצע.

זאגט צו אים:

„קום מיט אונז אין די פעלדער, אָדער גיי מיט אונזערע ברי-דער אויף די ימים און שפרייט דאָרט דיינע נעצן אויס;

ווייל דאָס פעלד און דער ים וועלן זיין צו דיר פונקט אַזוי פרייגעביג, ווי צו אונז”.

און אויב צו אייך וועלן קומען זינגער, טענצער און פלייטן-שפילער, קויפט זייערע מתנות אויך.

ווייל זיי זענען אויך קלייבער פון פרוכט און הייליקע קטורת, און דאָס וואָס זיי ברענגען צו אייך, הגם עס באַשטייט פון חלומות, איז אַ מלבוש און אַ נאַרונג פאַר אייער נשמה.

און איידער איר פאַרלאָזט דעם מאַרק, זעט אַז קיינער זאָל פון דאָרט מיט ליידיקע הענט נישט אַוועקגיין.

ווייל דער גייסט פון דער ערד וועט רואיק אויף די ווינטן נישט שלאָפן ביז דער סאַמע לעצטער פון אייך איז באַפרידיקט.

# וועגן פארברעכן און שטראָף

דערנאָך האָט איינער פון די ריכטער זיך אָפּגערופן, און געזאָגט: רעד צו אונז וועגן פאַרברעכן און שטראָף

און ער האָט געענטפערט, און געזאָגט:

ווען אייער נשמה וואַנדערט אויפן ווינט און איר זענט עלנט און אומבאַשיצט,

דעמאָלט זענט איר אימשטאַנד צו באַגיין אַן אומרעכט אַקעגן אַנדערע און ממילא אקעגן זיך.

און פאַרן אומרעכט וואָס איר באַגייט מוזט איר אָנקלאַפּן אינם טויער פון געבענטשטן און וואַרטן אַ רגע אומבאַמערקטערהייט.

אייער גאָט־איך איז געגליכן צום ים;

אייביק בלייבט ער אומבאפלעקט.

און ווי די לופט, בלויז די באַפליגלטע הויבט ער אויף.

אייער גאָט־איך איז געגליכן צו דער זון;

פרעמד זענען אים די וועגן פון דער מויל און די היילן פון דער שלאַנג.

אָבער נישט אַליין וואוינט אייער גאָט־איך אין אייער וועזן.

א סך אין אייך איז נאָך מענטש, און א סך אין אייך איז נאָך נישט מענטש,

נאָר א פארמלאָזטער קאַרליק וואָס גייט א שלאָפנדיקער דורכן נעפּל און זוכט זיין אייגענע דערוואַכונג.

איצט וויל איך אָבער ריידן וועגן דעם מענטש אין אייך.

ווייל נישט דער גאָט-איך און אויך נישט דער קאַרליק אינם נעפּל ווייסן פון פאַרברעכן און שטראָף.

איך האָב אייך אָפט געהערט ריידן פון איינעם, וואָס איז באַגאַנגען א פאַרברעכן, און איר האָט גערעדט אַזוי, ווי יענער וואָלט נישט געווען איינער פון אייך, נאָר א פרעמדער צו אייך און א נישט געבעטענער אין אייער וועלט.

איך אָבער זאָג, אַז פונקט ווי דער הייליקער און גערעכטער קאָנען זיך נישט דערהויבן איבער דאָס העכסטע אין אייך,

אַזוי קאָנען דער פאַרברעכער און שוואַכער נישט זינקען ני דעריקער פון דאָס נידעריקסטע אין אייך.

און פונקט ווי אַן איינציק בלאַט קאָן נישט געל ווערן אָן דעם שטילן וויסן פון גאַנצן בוים,

אַזוי קאָן דער בעל-עולה זיין עולה נישט באַגיין אָן דעם פאַר-באָרגענעם ווילן פון אייך אַלע.

אינאיינעם גייט איר אויפן וועג צו אייער גאָט-איך.

איר זענט דער וועג און אויך די פוס-גייער.

און ווען איינער פון אייך פאַלט, פאַלט ער פאַר אַלע הינטער אים — א וואָרנונג פאַר דער שטרויכלונג וואָס פאַראויס.

יאָ, און ער פאַלט אויך פאַר יענע וואָס גייען פאַראויס, ווייל

הגם זייער שפּאָן איז שנעלער און זיכערער, האָבן זיי אָבער די שטרויכלונג פון וועג נישט אַוועקגענומען.

און, נאָך עפּעס, הגם דאָס וואָרט ליגט שווער אויף אייערע הערצער:

דער דערמאָרדעטער איז נישט אומשולדיק אין זיין טויט,
און דער באַגנבעטער איז נישט אומשולדיק אין זיין פאַרלוסט.
דער גערעכטער האָט אַ חלק אין דעם פאַרדאַרבענעמס מעשים,
און דער ערלעכער האָט אַ חלק אינם פאַרברעכערס עוולות.
יאָ, אָפט איז דער שולדיקער גאָר דער קרבן פונם פאַרוואונ־דעטן,

און נאָך אָפטער איז דער באַשולדיקטער נאָר דער שולד־טרע־גער פונם אומשולדיקן.

איר קאָנט נישט אָפּטיילן רעכט פון אומרעכט און גוטס פון שלעכטס,

ווייל זיי שטייען צוזאַמען אַנטקעגן דער זון, ווי שוואַרצע און ווייסע פעדים אין אַ געוואַנט.

און ווען די שוואַרצע פעדים צערייסן זיך, מוז דער וועבער דאָס גאַנצע געוואַנט איבערקוקן, און צום וועב־שטול מוז ער אויך אַ קוק טאָן.

אויב עמיצער פון אייך וויל משפּטן אַ אומגעטריי ווייב, זאָל ער אויפן וואָג־שאָל דאָס האַרץ פון איר מאַן אויך אַוועקשטעלן.

און דער וואָס וויל באַשטראָפן דעם אַנגרייפער, זאָל אין דער נשמה פונם אַנגעגריפענעם אויך אַריינקוקן.

און אויב עמיצער פון אייך וויל שטראָפן אין נאָמען פון יושר

און די האק ביים בוים פון שלעכטס אויסקלייגן, זאל ער קודם די ווארצלען פון בוים באטראכטן;

און ער וועט זען, אז די ווארצלען פון גוטס און שלעכטס, פון פרוכטבארן און פרוכטלאזן ליגן איינגעפלאכטן איינס אין אנדערן אינם שטילן הארץ פון דער ערד.

און אייך ריכטער וויל איך פרעגן:

ווי אזוי וועט איר משפטן דעם, וואס זיין לייב איז ריין אבער זיין נשמה איז זינדיק?

וועלכע שטראף וועט איר געבן דעם, וואס בעת ער פארוואונדעט אײנעמס גוף פארוואונדעט ער אבער אויך זיין אייגענע נשמה?

און ווי אזוי וועט איר משפטן דעם ליגנער און אונטערדריקער, וואס אליין איז ער אויך אפגענארט און אונטערדריקט?

און וועלכע שטראף וועט איר געבן יענע, וואס זייער חרטה איז גרעסער פון זייער פארברעכן?

צי דען ווערט חרטה נישט רעגירט פונם זעלביקן יושר־געזעץ צו וועלכן איר דינט אזוי גערן?

דאך קאנט איר דעם אומשולדיקן צו חרטה נישט ברענגען, און פונם שולדיקנס הארץ קאנט איר די חרטה נישט ארויסרייסן.

חרטה קומט אומגעבעטענערהייט אין דער שטילקייט פון דער נאכט, כדי מענטשן זאלן אויפוואכן און זיך דערזען אין זייער אמתער געשטאלט.

און ווי אזוי קאנט איר ווײסן וואס יושר איז, אויב איר באטראכט נישט אלע מעשים ביים פולן ליכט?

בלויז דאן קאנט איר איינזען, אז דער שטאלצער און דער

געפאלענער זעגען אין אמתן איין און דערזעלבער מענטש, וואָס שטייט צווישן דער נאַכט פון זיין קאַרליק־איך און דעם טאָג פון זיין גאָט־איך,

און אז דער ווינקלשטיין פון בית־המקדש איז ניט העכער פון דעם נידעריקסטן שטיין אינם בנין.

# װעגן געזעצן

דערנאָך האָט אַן אַדװאָקאַט געזאָגט: און װאָס איז װעגן
אונזערע געזעצן, האַר?
און ער האָט געענטפערט:
איר האָט ליב צו מאַכן געזעצן,
איר האָט אָבער ליבער זיי צו צוברעכן.
װי קינדער װאָס שפּילן זיך בײַם ים און בויען זאַמד־טורעמס
נאָכאַנאַנד און צעװאַרפן זיי דערנאָך מיט געלעכטער.
אָבער בעת איר בויט אײַערע טורעמס ברענגט דער ים פרישן
זאַמד צום ברעג,
און בעת איר צעװאַרפט זיי, לאַכט דער ים מיט אײַך.
יאָ, דער ים לאַכט תמיד מיט מיט דעם אומשולדיקן.

אָבער װאָס איז מכּח יענע װאָס פאַר זיי איז דאָס לעבן נישט
קיין ים, נאָר אַ פעלז,
און װאָס פאַר זיי זענען די געזעצן נישט קיין זאַמד־טורעמס,
נאָר אַ דלאָט מיט װעלכער זיי קאַרבן אויס דאָס לעבן לויט דער
פאָרם פון זייער אייגן געשטאַלט?

און וואָס מכּח דעם קאַליקע וואָס האָט פיינט טענצער?

וואָס איז מכּח דעם אָקס וואָס האָט ליב זיין יאָך און וואָס קוקט אויף דעם עלק און הירש ווי אויף צעבאַלעוועטע שפּרינגער?

וואָס איז מכּח דער אַלטער שלאַנג וואָס קאָן איר הויט נישט אַראָפּוואַרפן און רופט דערפאַר אַלע אַנדערע שלאַנגען נאַקעטע און אומפאַרשעמטע ברואים?

און וואָס איז מכּח דעם וואָס קומט פרי צו דער חתונה-סעודה און נאָכדעם ווי ער עסט זיך איבער און ווערט מיד, גייט ער אַוועק און זאָגט, אַז סעודות זענען אַ לעסטערונג און בעלי-סעודה — גע-זעץ-לעסטערער?

וואָס קאָן איך וועגן זיי אַלע זאָגן, חוץ אַז זיי שטייען אויך אונטער דעם זונליכט, נאָר מיט די רוקנס צו דער זון?

זיי זעען בלויז זייערע שאָטנס, און זייערע שאָטנס זענען זייערע געזעצן.

צי דען איז די זון מער ווי אַ שאָטן-וואַרפער פאַר זיי?

און וואָס מיינט אָנערקענען געזעצן, אויב נישט אַראָפּנידערן און פאַרשן זייערע שאָטנס אויף דער ערד?

אָבער איר וואָס גייט מיטן פּנים צו דער זון געווענדט — װאָס פאַר אייך זענען די שאָטנס נישט געמיינט געוואָרן.

איר וואָס שוועבט מיטן ווינט — אייך קאָן אַ וועטער-פאָן זעם וועג נישט ווייזן.

און ווי קאָנט איר מורא האָבן פאַר מענטשלעכע געזעצן, אַז דאָרט וואו איר געפינט זיך זענען גאָר קיין תּפיסות אײַנגאַנצן נישט פאַראַן?

איינוואוינער פון אָרפּאַלעז, איר מעגט באַהאַלטן אייער פּויק, און אָנציען די סטרונעס פון אייער לירע, ווייל קיינער קאָן נישט פאַרשטילן דאָס געזאַנג פון דער לאַרך.

# וועגן פרייהייט

און אַ רעדנער האָט געזאָגט: רייד צו אונז וועגן פרייהייט.
און ער האָט געענטפערט:
איך האָב אייך געזען פייניקן זיך ביי די שטאָט־טויערן און ביי אייער קאַמין בעת איר האָט פאַרגעטערט אייער אייגענע פרייהייט,

אַקוראַט ווי די שקלאַפן וואָס דערנידעריקן זיך פאַר זייער האַר און לויבן אים בעת ער שלאָגט זיי.

יאָ, אין גאָרטן פון בית־המקדש און אין שאָטן פון ציטאַדעלן האָב איך געזען ווי די פרייסטע פון אייך טראָגן זייער פרייהייט ווי אַ יאָך און ווי אַ האַנט־שלאָס.

און מיין האַרץ האָט געבלוטיקט אין מיר; ווייל פריי קאָנט איר זיין בלויז דאַן, ווען אַפילו דער באַגער צו פרייהייט איז אויך פאַר אייך אַ יאָך, און ווען פרייהייט הערט אויף צו זיין אייער ציל און אייער צוועק.

גרינג איז צו זיין פריי ווען די טעג זענען אָן זאָרג און די נעכט אָן צער,

אָבער אַפילו אין אייער זאָרג און צער דאַרפט איר אויך זיין פריי, און זיך דערהויבן איבער דעם.

איר קאָנט אָבער איבער אייערע טעג און נעכט זיך נישט דערהויבן, סיידן איר צוברעכט די קייטן וואָס איר האָט אינם באַגינען פון אייער פאַרשטיין באַפעסטיקט אַרום אייער מיטאָג־שעה.

דאָס, וואָס איר רופט פרייהייט איז גאָר אין אמתן די שטאַרקסטע קייט, הגם אירע רינגען פינקלען אַנטקעגן דער זון און פאַרבלענדן אייערע אויגן.

און וואָס איז דאָס, וואָס איר ווילט פון דעם פריי ווערן, אויב נישט טיילן פון אייער אייגענעם איך?

דאָס פאַלשע געזעץ וואָס איר ווילט צוברעכן האָט איר דאָך אַליין מיט אייערע אייגענע הענט אויף אייערע אייגענע שטערנס אָנגעצייכנט.

איר קאָנט דאָס געזעץ נישט אָפּמעקן ווען איר זאָלט אַפילו אַלע געזעץ־ביכער פאַרברענען.

און איר קאָנט עס פון די שטערנס פון אייערע ריכטער נישט אַראָפּוואַשן ווען איר זאָלט אַפילו דעם גאַנצן ים אויסשעפּן.

און אויב איר ווילט אַראָפּזעצן א טיראַן, צעשטערט קודם דעם טראָן וואָס איר האָט אין זיך אַליין אויפגעשטעלט.

ווייל איבער פרייע און שטאָלצע קאָן אַ טיראַן נישט הערשן, סיידן טיראַניי ליגט אין זייער אייגענער פרייהייט און בושה אין זייער אייגענעם שטאָלץ.

און אויב איר ווילט פון זאָרג זיך באַפרייען, דאַרפט איר ויסן, אז די זאָרג האָט זיך אויף אייך נישט אַרויפגעצוואונגען.

און אויב איר ווילט פון שרעק זיך באַפרייען, דאַרפט איר

װיסן, אַז די שרעק ליגט אין אייער אייגן האַרץ און נישט אין דער האַנט פון אַנשרעקער.

יאָ, דאָס באַגערטע און דאָס שרעקעדיקע. דאָס אָנגענומע און דאָס אָפּשטויסנדיקע, דאָס װאָס איר זוכט און דאָס װאָס איר װילט אויסמײַדן — אַלעס באַװעגט זיך אין אײַך אין אַ שטענדיקער האַלב־אומאַרמונג.

די אַלע זאַכן זענען צעוויפּגעפּאַרט אין אײַך, װי ליכט און שאָטן.

און װען דער שאָטן פאַרשװינדט, װערט דאָס שטראַלנדיקע ליכט דער שאָטן פון אַן אַנדער ליכט.

און נאָכדעם װי אייער פרײַהײט װערט לויז פון איר פּענטע, װערט זי ערשט אַליין אַ פּענטע צו אַ העכערער פרײַהײט.

# װעגן שׂכל און ליידנשאַפט

און די פּריסטערין האָט װידער גערעדט, און געזאָגט: רעד צו אונז װעגן שׂכל און ליידנשאַפט.

און ער האָט געענטפערט, און געזאָגט:

אייער נשמה איז אָפטמאָל דאָס שלאַכטפעלד אויף װעלכן אייער שׂכל און אורטייל פירן מלחמה מיט אייער ליידנשאַפט און אַפּעטיט.

איך װאָלט װעלן זיין דער שלום־שליח פון אייער נשמה, און פאַרװאַנדלען די מלחמה אין אַ מעלאָדישער איינהייט.

נאָר װי קאָן איך דאָס טאָן, אויב איר אַליין װעט מיר דערין נישט העלפן?

אייער שׂכל און ליידנשאַפט זענען רודער און זעגל פון אייער ים־רייזנדיקער נשמה.

און װען רודער אָדער זעגל װערט צעבראָכן, שלעפט איר זיך און בלאָנדזשעט, אָדער איר בלייבט אינגאַנצן שטיין אין מיטן ים.

װייל שׂכל אַליין איז אַ באַגרעניצטער כח; און ליידנשאַפט אַליין איז אַ פייער, װאָס צעפלאַקערט דעם פלאַם פון איר אייגענער פאַרניכטונג.

דעריבער זאָל אייער נשמה דערהויבן אייער שכל צו דער הויך פון אייער ליידנשאַפט, כּדי די ליידנשאַפט זאָל יעדן טאָג איבער־לעבן איר אייגענעם תּחית המתים, און ווי דער פעניקס זיך דער־הויבן איבער איר אייגענעם אש.

איך וואָלט וועלן, אַז אייער אורטייל און אַפּעטיט זאָלן זיין ווי צוויי באַליבטע געסט אין אייער שטוב.

און איר וואָלט דאָך זיכער נישט וועלן, אַז איין גאַסט זאָל געשאַצט ווערן מער ווי דער אַנדערער; ווייל דער וואָס שענקט מער אכטונג צו איינעם, פאַרלירט ליבע און דעם צוטרוי פון ביידן.

ווען איר געפינט זיך אויף די בערג אינם קילן שאָטן פון ווייסע טאָפּאָלן, און איר געניסט די רו און לויטערקייט פון ווייטע פעלדער און לאָנקעס — זאָגט שטיל אין אייער האַרץ „גאָט ליגט אין שכל״.

און ווען עס קומט אַ שטורעם, און דער מעכטיקער ווינט טרייסלט אויף דעם וואַלד, און די דונערן און בליצן רופן אויס די מאַיעסטעטישקייט פון הימל — זאָגט מיט פחד אין אייער האַרץ „גאָט ליגט אין ליידנשאַפט״.

און כּל זמן איר זענט אַ אָטעם אין גאָטס רוים, און אַ בלאַט אין גאָטס וואַלד, מוזט איר זיך באַהעפטן אי מיטן שכל, אי מיט דער ליידנשאַפט.

# וועגן יסורים

און א פרוי האט גערעדט און געזאגט: רעד צו אונז וועגן יסורים.

און ער האט געזאגט:

אייערע יסורים זענען דאס צעריסענע הייטל וואס וויקלט ארום אייער פארשטאנד.

און איר מוזט האבן יסורים, פונקט ווי די יאדרע פון א פרי מוז צעריסן ווערן אויב די פרי וויל האלטן איר הארץ אנטקעגן דער זון.

און וואלט אייער הארץ געקאנט באנעמען די נסים פון אייער לעבן, דאן וואלטן אייערע יסורים אייך אויסגעזען פונקט אזוי וואונדערלעך ווי אייער פרייד;

און איר וואלט דאן באגריסט די בייטנדיקע צייטן פון אייער הארץ, אזוי ווי איר באגריסט די וועטער-ענדערונגען אויף אייערע פעלדער.

און איר וואלט געווען רואיק אין די ווינטערס פון אייער צער.

דאס רוב יסורים נעמט איר זיך אליין.

דאָס איז די ביטערע רפואה מיט וועלכער דער רופא אין אייך היילט אייער קראַנקן איך.

גלויבט אייער רופא און טרינקט רואיק און געלאַסן זיין רפואה;

ווייל זיין האַנט, הגם אַ שווערע און אַ שטרענגע, ווערט גע־פירט פון גאָטס צאַרטער האַנט.

און הגם זיין בעכער ברענט אייערע ליפּן, האָט אָבער דער טעפּער דאָס ליים פון בעכער מיט זיינע אייגענע הייליקע טרערן באַגאָסן.

# װעגן איך-קענטעניש

און אַ מאַן האָט געזאָגט: רעד צו אונז װעגן איך-קענטעניש.

און ער האָט געענטפערט, און געזאָגט:

אײַערע הערצער װײסן אין דער שטיל די סודות פון אײַערע טעג און נעכט.

אײַערע אויערן דאַרשטן אָבער נאָך דעם װיסן פון אײַער האַרץ.

איר װילט װיסן דורך רייד דאָס, װאָס איר האָט תמיד געװאוסט אין אײַער געדאַנק.

מיט די אײגענע פינגער װילט איר באַרירן דעם נאַקעטן גוף פון אײַערע חלומות.

און עס איז גוט אַזוי.

דער באַהאַלטענער קװאַל פון אײַער נשמה װיל זיך באַפרײַען און יאָגן מורמלענדיק צום ים;

און דער אוצר פון אײַער אומענדלעכער טיפעניש װיל פאַר אײַערע אײגענע אויגן זיך אַנטפּלעקן.

אָבער נישט מיט אַ װאָג-שאָל זאָלט איר װעגן אײַער באַהאַלטענעם אוצר;

און נישט מיט א מאָס-שטעקן אָדער בליי-שנירל זאָלט איר זוכן די טיפענישן פון אייער וויסן.

דער איך איז אַן אומענדלעכער ים, וואָס קאָן נישט געמאָסטן ווערן.

זאָגט נישט „איך האָב געפונען דעם אמת", זאָגט „איך האָב געפונען אַן אמת."

זאָגט נישט „איך האָב געפונען דעם וועג צו דער נשמה", זאָגט „איך האָב באַגעגנט די נשמה אויף מיין וועג."

ווייל די נשמה שפּרייזט איבער אַלע וועגן.

די נשמה גייט נישט אויף אַ גלייכער ליניע, און וואַקסט נישט ווי אַ שטאַם.

די נשמה וויקלט זיך פונאַנדער ווי אַ לאָטוס אין אומצאָליקע פּעדים.

## וועגן לערע

ערנאך האט א לערער געזאגט: רעד צו אונז וועגן לערע.
און ער האט געזאגט:
קיינער קאן אייך נישט אנטפלעקן מער ווי דאס, וואס ליגט שוין אינם באגינען פון אייער אייגענעם וויסן.
דער לערער, וואס שפאצירט מיט זיינע תלמידים אין שאטן פון בית המקדש, גיט נישט זיין חכמה, נאר זיין גלויבן און צערט־לעכקייט.
אויב ער איז באמת קלוג, וועט ער אייך נישט פירן אינם הויז פון זיין חכמה, נאר צו דער שוועל פון אייער אייגענעם שכל.
דער שטערן־קענער רעדט צו אייך וועגן זיין רוים־קענטעניש, אבער זיין קענטעניש גופא קאן ער אייך נישט געבן;
דער מוזיקער זינגט פאר אייך דעם ריטם פון רוים, אבער דאס אויער וואס האט דעם ריטם פארנומען און די שטים וואס האט דעם ריטם ארויסגעזונגען קאן ער אייך נישט געבן.
און דער וואס איז באהאוונט אין דער לערע פון ציפערן קאן זיך צו אייך ריידן וועגן וואג און מאס, אבער צו זייער שורש קאן ער אייך נישט פירן.

ווייל איין מענטש אַ צווייטן קאָן די פליגלען פון זיין דאיה נישט אנטלייען.

און פונקט ווי איטלעכער פון אייך שטייט אַליין אַקעגן גאָטס פאַרשטענדעניש, אַזוי מוז איטלעכער פון אייך אַליין פאַרשטיין גאָט און אליין פאַרשטיין די ערד.



# וועגן פריינטשאַפט

און אַ יונגערמאַן האָט געזאָגט: רעד צו אונז וועגן פריינטשאַפט.

און ער האָט געענטפערט, און געזאָגט:

אייער פריינט איז אייער דערפילטע באַדערפעניש.

ער איז אייער פעלד וואָס איר פאַרזייט מיט ליבע און שניידט מיט דאַנקבאַרקייט.

און ער איז אייער טיש און אייער קאַמין.

ווייל צו אים קומט איר מיט אייער הונגער און מיט אייער מידקייט.

ווען אייער פריינט זאָגט אַרויס זיין אָפענעם געדאַנק, האָט נישט מורא פאַר דעם „ניין" און האַלט נישט צוריק דעם „יאָ" וואָס אין אייער אייגענעם געדאַנק.

און אייער האַרץ קאָן הערן זיין האַרץ אפילו ווען ער שווייגט;

ווייל אין פריינטשאַפט ווערן אַלע געדאַנקען, אַלע מעשים, אַלע דערוואַרטונגען געבוירן און פאַרטיילט מיט אַ שטילער, שווייגנדיקער פרייד.

האָט נישט קיין צער ווען אייער פריינט צעשיידט זיך מיט אייך;

ווייל דאָס וואָס איר האָט ליב אין אים וועט נאָך זיין אַוועק־גיין ערשט קלאָרער ווערן, ווי דער באַרג פאַר דעם קלעטערער וואָס שטייט אויף דער פלאַך.

און זעט אַז דער איינציקער צוועק פון אייער פריינטשאַפט זאָל זיין טיפער צו מאַכן די נשמה.

ווייל די ליבע וואָס זוכט בלויז די אַנטפּלעקונג פון איר איי־גענער געהיימניש איז נישט קיין ליבע, נאָר אַ נעץ: און בלויז דאָס אומנוציקע ווערט געפאַנגען.

און זאָל דאָס בעסטע וואָס איר האָט געהערן צו אייער פריינט.

אויב ער מוז וויסן דעם אָפּפלוס פון אייער שטראָם, זאָל אים אָבער דער איבערפלוס אויך נישט בלייבן פרעמד.

ווייל וואָס פאַר אַ פריינט קאָן ער דען זיין אויב איר זוכט אים בלויז אין אייערע לאַנגווייליקע שעהן?

זוכט אים אין די לעבעדיקסטע שעהן פון אייער לעבן.

ווייל זיין באַרוף איז צו באַפרידיקן אייער נויט, און נישט אייער לאַנגוויל.

און זעט אַז אין אייער פריינטשאַפט זאָל זיין געלעכטער, און דער אויסטויש פון נחת.

ווייל גראָד אינם טוי פון קלייניקייטן געפינט דאָס האַרץ איר פרימאָרגן און דערפרישונג.

# וועגן ריידן

דערנאָך האָט אַ למדן געזאָגט: רעד צו אונז וועגן ריידן.

און ער האָט געענטפערט, און געזאָגט:

ווען איר הערט אויף לעבן בשלום מיט אייערע גע־דאַנקען, דעמאָלט הויבט איר אָן ריידן;

און ווען איר הערט אויף האָבן רו אין דער שטילקייט פון אייער האַרץ, דעמאָלט הויבט איר אָן לעבן דורך אייערע ליפּן, און דער גערויש פון אייערע רייד ווערט אייער צעשטרייאונג.

און אין די מערסטע רייד אייערע ווערט אייער געדאַנק האַלב פאַרניכטעט.

ווייל געדאַנק איז ווי אַ פויגל פון רוים, וואָס אין שטייג קאָן ער בלויז פונאַנדערשפּרייטן די פליגלען, אָבער פליען קאָן ער נישט.

פאַראַן צווישן אייך אַזוינע וואָס זוכן דעם רעדעוודיקן, ווייל זיי האָבן מורא צו זיין אַליין.

דאָס שווייגן פון זייער איינזאַמקייט אַנטפּלעקט צו זיי די נאַקעטקייט פון זייער איך, און דאָס קאָנען זיי נישט פאַרטראָגן.

און פאַראַן צווישן אייך אַזוינע וואָס בעת זיי ריידן אַנטפּלעקן זיי אַן אמת, וואָס זיי אַליין קאָנען אים נישט באַנעמען.

און פאַראַן אַזוינע וואָס טראָגן דעם אמת אין זיך, אָבער זיי קאָנען אים נישט אַרויסריידן.

און נאָר אינם בוזים פון אַזוינע מענטשן לעבט די נשמה אין ריטמישער שטילקייט.

ווען איר באַגעגנט אייער פריינט אין גאַס אָדער אין מאַרק, זעט אַז אייער נשמה זאָל באַוועגן אייערע ליפּן און פירן אייער צונג.

זאָל דאָס קול פון אייער קול ריידן צום אויער פון זיין אויער;

ווייל זיין נשמה וועט געדענקען דעם אמת פון אייער האַרץ, ווי דער גומען געדענקט דעם טעם פון ווין.

ווען דער קאָליר איז לאַנג פאַרגעסן, און די כּלי — צעבראָכן.

## וועגן צייט

און אַ שטערן־קענער האָט געזאָגט: האַר, און וואָס איז וועגן צייט?

און ער האָט געענטפערט:

איר ווילט מעסטן צייט, אָבער צייט איז אוממעסטבאַר און אומענדלעך.

צו שעהן און סעזאָנען ווילט איר צופּאַסן אייער פירונג און דעם וועג פון אייער נשמה.

איר ווילט פאַרוואַנדלען די צייט אין אַ שטראָם און זיצן ביי זיין בּרעג און זען ווי ער פליסט.

דאָך דאָס צייטלאָזע אין אייך קאָן גוט די צייטלאָזיקייט פון לעבן,

און ווייסט, אַז דער נעכטן איז בּלויז דער זכרון פונם היינט און אַז דער מאָרגן איז דער חלום פונם היינט;

און אַז דאָס וואָס זינגט און טראַכט אין אייך ליגט נאָך ביי די בּרעגן פון יענער ערשטער רגע, ווען די שטערן זענען נאָרוואָס צעשאָטן געוואָרן איבּערן רוים.

ווער פון אייך פילט דען נישט אַז דער כח צו ליבן איז אומ־
ענדלעך?

צי דען איז צייט נישט פונקט אַזוי אומענדלעך און אומצע־
טיילבאַר ווי ליבע?

נאָר אויב איר מוזט צעטיילן די צייט אין חלקים, דאַן זעט,
אַז יעדער חלק זאָל אַרומנעמען אַלע אַנדערע חלקים.

און אַז דער היינט זאָל אַרומנעמען דעם נעכטן מיט דערמאָנונג
און דעם מאָרגן מיט בענקעניש.

# ווענן גוטס און שלעכטס

און אַ זקן פון שטאָט האָט געזאָגט: רעד צו אונז וועגן גוטס און שלעכטס.

און ער האָט געענטפערט:

איך קאָן ריידן וועגן דאָס גוטע אין אייך, אָבער נישט וועגן דאָס שלעכטע.

ווייל דאָס שלעכטע איז דאָך דאָס גוטע וואָס איז פון אייגענעם הונגער און דאָרשט געפּייניקט געוואָרן.

ווען גוטס איז הונגעריק זוכט עס שפּייז אַפילו אין טונקעלע היילן, און ווען עס איז דאָרשטיק טרינקט עס אפילו פון שטייענדיקע וואַסערן.

ווען איר באַהעפט זיך מיט זיך, זענט איר גוט.

דאָך ווען איר באַהעפט זיך נישט מיט זיך, זענט איר נאָך אַלץ נישט שלעכט.

ווייל אַ פאַרלאָזענע הויז מוז נישט דוקא זיין אַ נעסט פאַר גנבים; עס איז אַ פאַרלאָזענע הויז.

און אַ שיף וואָס האָט פאַרלוירן איר רודער וועט אפשר וואַנ-

דערן צוועקלאָז צווישן די געפּעדלעכע אינזלען, עס מיינט אָבער נישט, אַז זי וועט זינקען.

ווען איר שטרעבט צו געבן פון זיך, זענט איר גוט.

דאָך ווען איר זוכט אייער אייגענע טובה, זענט איר נאָך אַלץ נישט שלעכט.

ווייל דער אייגננוציקער איז געגליכן צו אַ וואָרצל וואָס טוליעט זיך צו דער ערד און זויגט איר ברוסט.

די פרי קאָן צום וואָרצל נישט זאָגן „זיי אַזוי ווי איך און גיב זיך מיט דיין פולער רייפקייט.״

ווייל געבן איז אַ מוז פאַר דער פרי, פונקט ווי נעמען איז אַ מוז פאַרן וואָרצל.

ווען איר זענט פולשטענדיק וואַך אין אייערע רייד, זענט איר גוט.

דאָך ווען איר שלאָפט און אייער צונג פּלאַפּלט זינלאָז, זענט איר נאָך אַלץ נישט שלעכט.

ווייל אפילו דאָס שטאַמלען קאָן אויך קרעפטיקן אַ שוואַכע צונג.

ווען איר גייט מיט שטאָלצע טריט צו אייער ציל, זענט איר גוט.

דאָך ווען איר גייט הינקענדיק צו אייער ציל, זענט איר נאָך אַלץ נישט שלעכט.

ווייל אַפילו די הינקענדיקע גייען אויך נישט אויף צוריק.

פונדעסטוועגן דאַרפט איר אויס רחמנות צום הינקענדיקן נישט הינקען ביי זיין זייט.

איר זענט גוט אויף פאַרשידענע אופנים, און ווען איר זענט נישט גוט זענט איר נאָך נישט שלעכט.

דאַן זענט איר בלויז פויל און נאַכגעלאָזן.

באַדויערט וואָס די הירשן קאָנען זייער פלינקייט די טשערע־פּאַכעס נישט געבן.

אייער גוטסקייט ליגט אין אייער שטרעבן צום ריזן־איך: און אין יעדן פון אייך איז די שטרעבונג פאַראַן.

אָבער ביי טייל איז די שטרעבונג אַזוי ווי אַ קאַסקאַדישער געדויש, וואָס טראָגט צום ים די סודות פון די בערג און דאָס גע־זאַנג פון די וועלדער,

און ביי אַנדערע איז עס אַ שטילער פלוס, וואָס פאַרבלאָנדזשעט אין ווינקלען און קרייזלט זיך און שלעפּט זיך ביז עס דערגייט צום ברעג.

דאָך, דער וואָס זיין בענקעניש איז גרעסער זאָל צו יענעם וואָס זיין בענקעניש איז קלענער נישט זאָגן „וואָס קריכסטו אַזוי לאַנגזאַם?״

ווייל דער גוטער פרעגט נישט דעם נאַקעטן „וואו איז דיין מלבוש?״, און דעם היימלאָזן „וואָס איז מיט דיין היים געשען?״



# וועגן תפילה

דערנאָך האָט אַ פריסטערין געזאָגט: רעד צו אונז וועגן תפילה.

און ער האָט געענטפערט, און געזאָגט:

איר טוט תפילה אין אייער צער און אין אייער נויט; אָבער אויך אין טעג פון פולער פרייד און שפע דאַרפט איר תפילה טאָן.

ווייל תפילה מיינט אויסשפרייטן אייער איך אינם לעבעדיקן רוים.

תפילה טראָגט אַוועק אייער פינצטערניש אינם רוים, און ברענגט פרייד און ליכטיקייט אין אייער האַרץ.

נאָר אויב איר מוזט וויינען און קלאָגן אין אייער תפילה, וועט שוין אייער געוויין אייך אַזוי לאַנג טרייבן און שטויסן, ביז איר וועט קומען אַ לאַכנדיקער צו אייער תפילה.

תפילה דערהויבט אייך און באַהעפט אייך מיט אַלע, וואָס טוען תפילה אין דער זעלבער צייט.

איר דאַרפט דעריבער קומען אינם אומזעבאַרן בית המקדש מיט דער כונה צו ווערן דערהויבן און פריינדלעך באַהאַפטן.

ווייל טאָמער קומט איר צום בית המקדש בלויז מיט דער כונה צו נעמען, וועט איר נישט קריגן:

און טאָמער קומט איר אַהין זיך בוקן, וועט איר נישט ווערן דערהויבן:

און מעגט איר אַפילו קומען בעטן גוטס פאַר אַנדערע, וועט אייער קול נישט געהערט ווערן.

עס איז גענוג איר זאָלט בלויז די שוועל פון בית המקדש באַטרעטן.

איך קאָן אייך נישט לערנען ווי צו טאָן תפילה מיט רייד.

גאָט פאַרנעמט נישט אייערע רייד, סיידן ער אַליין רעדט זיי אַרויס דורך אייערע ליפּן.

און איך קאָן אייך נישט לערנען די תפילה פון די ימים און וועלדער און בערג.

נאָר אויב איר זענט געבוירן אויף די בערג און אין די וועל־ דער און אויף די ימים, וועט איר שוין אַליין אין אייער אייגן האַרץ אייער תפילה געפינען,

און אויב איר וועט זיך נאָר צוהערן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, וועט איר הערן ווי זיי שעפּטשען:

„גאָט, דו ביסט אונזער באַפליגלטער איך, אונזער ווילן איז דיין ווילן,

אונזער כונה איז דיין כונה.

דיין דראַנג אין אונז קאָן פאַרוואַנדלען אונזערע נעכט, וואָס געהערן צו דיר, אין טעג, וואָס געהערן אויך צו דיר.

מיר קאָנען דיך קיין זאַך נישט בעטן, ווייל נאָך איידער אונזערע כונות ווערן אין אונז געבוירן ווייסטו שוין פון זיי:

דו ביסט אונזער באַדערפעניש; און ווען דו שענקסט אונז בלויז אַ טייל פון זיך, דאַן שענקסטו אונז שוין אַלעס.”

## וועגן פאַרגעניגן

פון אַ נזיר, וואָס פלעגט נאָר איינמאָל אין יאָר קומען אין שטאָט אַריין, האָט זיך אָוועקגעשטעלט און געזאָגט: רעד צו אונז וועגן פאַרגעניגן.

און ער האָט געענטפערט, און געזאָגט:
פאַרגעניגן איז אַ באַפרייאונגס־ליד,
אָבער נישט פרייהייט.
עס איז די בליאונג פון אייערע באַגערן,
אָבער נישט זייער פרוכט.
עס איז אַ טיפער רוף צו דערהויבונג,
אָבער נישט די טיפעניש און נישט די דערהויבונג.
עס איז דאָס פאַרשפאַרטע וואָס וויל פליען.
אָבער נישט דער אַרומגעקרייזטער שטח.
יאָ, פאַרגעניגן איז אַ באַפרייאונגס־ליד.

און איך וואָלט וועלן איר זאָלט דאָס ליד זינגען מיט אַ פול האַרץ; זעט אָבער אַז אינם זינגען זאָלט איר אייערע הערצער נישט פאַרלירן.

טייל פון אייערע יונגעלייט זוכן פארגעניגן און זיי מיינען, אז דאס איז דער תוך פון לעבן, און זיי ווערן געמשפט און גע־טאדלט.

איך וויל זיי נישט משפטן און אויך נישט טאדלען. זאלן זיי זוכן.

זיי וועלן געפינען פארגעניג, און נאך עפעס;

זיבן שוועסטער האט פארגעניג, און די מיאוסטע צווישן זיי איז נאך אלץ שענער פון איר.

צי דען האט איר נישט געהערט פון יענעם מאן, וואס האט געזוכט ווארצלען אין דער ערד און געפונען אן אוצר?

און טייל פון אייערע זקנים האבן חרטה אויף זייערע פאר־געניגנס, אזוי ווי אויף אן עולה וואס מען באגייט אין שכרות.

אבער חרטה איז בלויז דער וואלקן פונם געדאנק, און נישט זיין שטראף.

זיי דארפן טראכטן מיט דאנקבארקייט פון זייערע פארגעניגנס, אזוי ווי פון דער שניט־צייט אין זומער.

נאר אויב חרטה גיט זיי טרייסט, זאלן זיי געטרייסט ווערן.

און פאראן צווישן אייך אזוינע, וואס נישט זיי זענען יונג גע־נוג צו זוכן און נישט אלט גענוג צו גדעדנקען;

און מורא האבנדיק צו זוכן און געדענקען ווייכן זיי פון אלע פארגעניגנס, כדי נישט צו זינדיקן קעגן זייערע נשמות.

אבער אפילו אין זייער ווייכן ליגט אויך פארגעניגן.

און אזוי ארום געפינען זיי אן אוצר הגם זייערע ציטערדיקע הענט זוכן ווארצלען.

אָבער זאָגט מיר, ווער קאָן באַליידיקן די נשמה?
צי קאָן די נאַכטיגאַל באַליידיקן די שטילקייט פון דער נאַכט,
און קאָן דער גלי-וואָרעם באַליידיקן די שטערן?
און קאָן אייער פלאַם אָדער רויך באַליידיקן דעם ווינט?
מיינט נישט אַז די נשמה איז אַ שטייענדיק וואַסער, וואָס איר קאָנט מיט אַ שטעקן צערודערן.

ווען איר באַרויבט זיך פון פאַרגעניגן, פאַרטיפט איר בלויז אייער באַגער אין דער טיפעניש פון אייער וועזן.
און ווער ווייסט צי דאָס וואָס מען אונטערדריקט היינט וועט זיך מאָרגן ווידער נישט באַווייזן?
אייער גוף ווייסט זיין ירושה און זיין גערעכטע באַדערפעניש און איר קאָנט אים נישט נאַרן.
און אייער גוף איז די האַרף פון אייער נשמה.
עס געווענדט זיך אָבער אָן אייך צי די מוזיק וואָס איר שפּילט אויס זאָל זיין אַ קלאָרע אָדער סתם אַ גערויש.

און איצט פרעגט איר אין אייער האַרץ „ווי אַזוי זאָלן מיר אָפּטיילן דאָס גוטע פון דאָס שלעכטע אין אונזער פאַרגעניגן?"
גייט אין אייערע פעלדער און גערטנער און איר וועט זען, אַז דאָס פאַרגעניגן פון דער בין ליגט אין קלייבן האָניק פון דער בלום,
די בלום האָט אָבער גרויס נחת פון שענקען איר האָניק צו דער בין,
ווייל פאַר דער בין איז די בלום אַ קוואַל פון לעבן,

און פאַר דער בלום איז די בין אַ שליח פון ליבע.

און בייביידן איז דאָס געבן און נעמען אַ באַדערפעניש און אַ דערהויבונג.

איינוואוינער פון אַרפאלעז, זייט אין אייערע פאַרגעניגנס אַזוי ווי די בלומען און בינען.

# װעגן שײנקײט

פון אַ דיכטער האָט געזאָגט: רעד צו אונז װעגן שײנקײט.

און ער האָט געענטפערט:

אויב איר װילט זוכן און געפינען שײנקײט, דאַן מוז שײנקײט זײן אײער װעג און אײער פירער.

און אויב איר װילט רעדן װעגן שײנקײט, דאַן מוז שײנקײט זײן די שפינערין פון אײערע רײד.

די געקריװדעטע און פאַרװאונדעטע זאָגן „שײנקײט איז מילד און צאַרט.

זי גײט אַרום צװישן אונז װי אַ יונגע און צניעדיקע מאַמע".

און די בעל תאװהניקעס זאָגן „נײן, שײנקײט איז כח און פחד.

װי אַ שטורעם טרײסלט זי אויף די ערד אונטער אונז און דעם הימל איבער אונז".

די מידע און דערשלאָגענע זאָגן „שײנקײט איז דאָס שטילע שעפּטשען אין אונזערע נשמות.

זי ציטערט אין דער טיפעניש פון אונזער שווייגן, אזוי ווי א שיין אין זיין אייגענעם שאטן".

אבער די אומרואיקע, זיי זאגן „מיר האבן איר שטים צווישן די בערג געהערט,

און אין איר שטים האט זיך געהערט דאס קלאפן פון קלויען און דער פלאטער פון פליגלען און דאס ברומען פון לייבן".

ביינאכט זאגן די שטאט־שומרים „שיינקייט וועט קומען מיטן באגינען פון מזרח."

און בייטאג זאגן די ארבעטער און וואנדערער „שיינקייט האט צו אונז אראפגעקוקט דורך די פענסטער פון זון־פארגאנג."

ווינטער זאגן די שניי־פארשאטענע „שיינקייט וועט קומען מיטן פרילינג א טאנצנדיקע איבער די בערג."

און זומער זאגן די שניטער „מיר האבן געזען שיינקייט טאנצן מיט די הערבסט־בלעטער, און א פאס פרישער שניי האט געפינקלט אין אירע האר."

דאס אלעס האט איר געזאגט וועגן שיינקייט.

אין אמתן אבער האט איר נישט גערעדט פון שיינקייט נאר פון אומבאפרידיקטע באגערן,

און שיינקייט איז נישט קיין באגער, נאר א דערהויבונג.

שיינקייט איז נישט א דארשטיק מויל און אויך נישט א ליי־דיק־אויסגעשטרעקטע האנט,

נאר אן אויפגעפלאמט הארץ און א פארכשופטע נשמה.

שיינקייט איז נישט דאָס בילד וואָס איר זוכט און אויך נישט דאָס ליד, וואָס אייערע אויערן גאָרן צו הערן,

נאָר אַ בילד, וואָס מען זעט מיט צוגעמאַכטע אויגן און אַ ליד וואָס מען הערט מיט פאַרשטעלטע אויערן.

שיינקייט איז נישט דער זאַפט פון קאָרע, אויך נישט דער צוזאַמענגעלייגטער פליגל,

נאָר אַ גאָרטן אין אייביקער בליאונג, און אַ מחנה פויגל אין אייביקן פליען.

אַיינוואוינער פון אָרפאַלעז, שיינקייט איז לעבן, ווען דאָס לעבן אַנטבלויזט זיין הייליק פנים.

אָבער איר זענט דאָס לעבן און איר זענט דער שלייער.

שיינקייט איז אייביקייט וואָס קוקט אויף זיך דורך אַ שפיגל,

אָבער איר זענט די אייביקייט און איר זענט דער שפיגל.

# וועגן רעליגיע

פון אן אלטער גלח האט געזאגט: רעד צו אונז וועגן רעליגיע.

און ער האט געזאגט:

צי דען האב איך היינט פון עפעס אנדערש גערעדט?
אלע טואונגען און אלע זעאונגען זענען רעליגיע,

און דאס וואס איז נישט קיין טואונג און נישט קיין זעאונג נאר א וואונדער וואס צאפלט זיך אין דער נשמה בעת מען קארבט דעם שטיין אדער מען דרייט די שפין־ראד, איז אויך רעליגיע.

ווער קאן דען אפטיילן זיין אמונה פון זיינע מעשים, אדער זיין גלויבן פון זיין מלאכה?

ווער קאן דען אויסשפרייטן זיינע שעהן פאר זיך און זאגן „דאס איז פאר גאט און דאס פאר מיר; דאס איז פאר מיין נשמה און דאס פאר מיין גוף?”

אייערע שעהן זענען פליגלען, וואס פלאטערן אין דער לופט פון איין איך צום צווייטן.

דער וואס טראגט זיין מאראלישקייט ווי א טייערן בגד, זאל שוין ליבערשט גיין נאקעט.

דער ווינט און די זון וועלן זיין לייב נישט באַרירן.

און דער וואָס דערקלערט זיין פירונג דורך עטיק, פאַרשפאַרט זיין זינג־פויגל אין אַ שטייג.

דאָס פרייסטע ליד קומט נישט דורך ריגלען און דראָטן.

און דער וואָס קוקט אויף גאָטעס־דינסט ווי אויף אַ פענסטער וואָס מען קאָן עפענען און פאַרמאַכן, האָט דאָס וואוינאָרט פון זיין נשמה נאָך נישט באַטראַכט, ווייל די פענסטער פון דער נשמה ציען זיך פון באַגינען ביז באַגינען.

אייער טעגלעך לעבן איז אייער בית המקדש און אייער רעליגיע.

און ווען איר גייט אין בית המקדש, נעמט אַלצדינג מיט.

נעמט דעם אַקער און דעם וואַרשטאַט און דעם האַמער און די לירע,

סיי דאָס וואָס איר מאַכט אויס נויט און סיי דאָס וואָס איר מאַכט אויס ליבע.

ווייל העכער פון אייערע טואונגען קאָנט איר אין אייער אמונה נישט דערהויבן ווערן, און נידעריקער פון אייערע דורכפאַלן קאָנט איר נישט פאַלן.

און נעמט מיט אַלע מענטשן:

ווייל העכער פון זייערע האָפענונגען קאָנט איר נישט פליען, און נידעריקער פון זייער פאַרצווייפלונג קאָנט איר נישט זינקען.

און זוכט נישט גאָט דורך רעטעניש.

קוקט בעסער נעבן זיך און איר וועט זען, אַז ער שפּילט זיך מיט אייערע קינדער.

און קוקט אין רוים; איר וועט אים זען גיין אין די וואָלקנס, אויסשטרעקן זיינע הענט אינם בליץ און פאַלן מיטן רעגן.

איר וועט אים זען שמייכלען אין די בלומען, און שטייגן אין די בוימער מיט אַ פאָכעדיקער האַנט.



# וועגן טויט

דערנאָך האָט אַלמיטראַ גערעדט, און געזאָגט: איצט רעד צו אונז וועגן טויט.

און ער האָט געזאָגט:

איר ווילט וויסן דעם סוד פון טויט.

אָבער בלויז אינם האַרץ פון לעבן קאָנט איר געפינען דעם סוד פון טויט.

די סאָווע וואָס איז בלינד צום ליכט פון טאָג קאָן דעם וואונדער פון ליכט נישט באַנעמען.

עפנט ברייט אייער האַרץ צום גוף פון לעבן און איר וועט דערפילן די נשמה פון טויט.

ווייל לעבן און טויט זענען איינס, ווי טייך און ים.

אייער שטילער באַנעם פון יענער-וועלט ליגט אין די טיפעניש פון אייערע האָפענונגען און כוונות;

און אייער האַרץ חלומט, אַזוי ווי די זריעה וואָס ליגט פרילינג אונטערן שניי.

געטרויט אייערע חלומות, ווייל אין זיי ליגט דער טויער צו דער אייביקייט.

אין אייער מורא פאַרן טויט זענט איר געגליכן צום פּאַסטוך, וואָס שטייט אַ ציטערדיקער פאַרן קיניג און וואַרט אַז דער קיניג זאָל מיט זיין האַנט זיין אַקסל באַרירן.

צי דען איז דער פּאַסטוך נישט גליקלעך אין זיין מורא, וויסנדיק, אַז דער צייכן פון קיניגס האַנט וועט בלייבן אויף זיין אַקסל?

און דאָך ציטערט ער און האָט מורא.

וואָרים וואָס הייסט שטאַרבן אויב נישט שטיין אַ נאַקעטער אין ווינט און אַנטקעגן דער זון?

און וואָס מיינט אויפהערן אָטעמען אויב נישט באַפרייען דעם אָטעם פון זיינע אומרואיקע שטראָמען, כדי ער זאָל קאָנען זוכן גאָט אין אומגעצוימטער ברייטקייט?

ווען איר טרינקט פונם טייך פון שווייגן, ערשט דאַן זאָלט איר באמת זינגען.

און ווען איר דערגרייכט דעם שפּיץ באַרג, ערשט דאַן זאָלט איר אָנהויבן קלעטערן.

און ווען די ערד רופט צוריק אייערע אברים, ערשט דאַן זאָלט איר באמת טאַנצן.

# די געזעגענונג

און עס איז געוואָרן נאַכט.

און אַלמיטרא, די נביאה, האָט געזאָגט: געבענטשט זאָל זיין דער טאָג און דאָס אָרט און דיין נשמה וואָס האָט גערעדט.

און ער האָט געענטפערט: צי דען האָב איך גערעדט? בין איך דען נישט געווען איינער פון די צוהערער?

דערנאָך איז ער אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ פון בית־המקדש און דער גאַנצער עולם איז אים נאָכגעגאַנגען. און ווען ער איז געקומען צו זיין שיף האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אויפן דעק.

און מיטן פנים ווידער געווענדט צום עולם, האָט ער געזאָגט:

איינוואוינער פון אָרפאַלעז, דער ווינט וויל איך זאָל אייך פאַרלאָזן.

מיר, וואַנדערער, זוכן שטענדיק דעם איינזאַמערן וועג, און מיר הויבן קיינמאָל נישט אָן אַ נייעם טאָג דאָרט וואו דער נעכטיקער האָט זיך געענדיקט; און דער זון־אויפגאַנג טרעפט אונז קיינמאָל נישט דאָרט וואו דער זון־פאַרגאַנג האָט אונז געלאָזן.

אַפילו ווען די ערד שלאָפט וואַנדערן מיר אויך.

מיר זענען די זריעה פון אַ פּאַרעקשנטער פלאַנץ, און דער ווינט פאַרזייט אונז נישט ביז מיר זענען רייף און פול אין אונזער האַרץ.

ווינציק טעג האָב איך מיט אייך פאַרבראַכט, און ווינציק רייד האָב איך צו אייך גערעדט.

נאָר אויב מיין קול וועט אַנטשווינדן ווערן אין אייערע אויערן, און אויב מיין ליבע וועט בלייך ווערן אין אייער זכרון, וועל איך ווידער קומען,

און רעדן צו אייך מיט מער האַרץ און מיט מער נשמה.

יאָ, איך וועל זיך אומקערן מיטן שטראָם,

און מעג דער טויט מיך פאַרהוילן, און מעג דאָס העכערע שווייגן מיך פאַנגען, וועל איך וואַרטן ביז איר וועט מיך פאַרשטיין.

און אומזיסט וועט מיין וואַרטן נישט זיין.

און אויב איך האָב אייך דעם אמת נישט געגעבן, וועט דער אמת זיך אַנטפּלעקן אין אַ קלאָרערער שטים, און אין רייד וואָס זענען נענטער צו אייערע געדאַנקען.

איינוואוינער פון אָרפאַלעז, איך גיי מיטן ווינט, אָבער נישט אין דער ליידיקייט;

און אויב איך האָב היינט אייערע כוונות און מיין ליבע נישט באַפרידיקט, זאָל דאָס זיין אַ צוזאָג ביז אַ קומענדיקן טאָג.

דעם מענטשנס כוונות בייטן זיך, אָבער נישט זיין ליבע.

דעריבער געדענקט, אַז פון דעם העכערן שווייגן וועל איך זיך אומקערן צו אייך.

דער נעפּל וואָס צערינט אין פרימאָרגן און לאָזט איבער בלויז

דעם טוי אין די פעלדער, וועט זיך אויפהויבן און זיך אנזאמלען אין א וואלקן און פאלן אין א רעגן.

און איך בין אויך געווען ווי א נעפל.

אין דער שטילקייט פון דער נאכט בין איך איבער אייערע גאסן געגאנגען, און מיין נשמה האט אין אייערע היימען געאטעמט,

און דער פולס פון אייערע הערצער האט אין מיין הארץ גע־שלאגן, און אייער אטעם האט אויף מיין פנים געשוועבט, און איך האב אייך אלעמען געקאנט.

יא, איך האב געוואוסט אייער פרייד און אייער צער, און איך האב געחלומט די חלומות פון אייער שלאף.

און אפטמאל בין איך צווישן אייך זוי א טייך צווישן בערג געווען.

אין מיר האבן זיך אפגעשפיגלט אייערע העכסטע שפיצן, און אויך די פארבייציענדיקע מחנות פון אייערע געדאנקען און כוונות.

און אין שטראמען האט דאס געלעכטער פון אייערע קינדער צו מיר געצויגן, און אין טייכן די בענקשאפט פון אייער יוגנט.

און אין מיין טיפעניש האבן די שטראמען און טייכן נישט אויפגעהערט זינגען.

און נאך עפעס איז צו מיר געקומען, וואס דאס איז זיסער פון געלעכטער און גרעסער פון בענקשאפט:

דאס אומענדלעכע אין אייך;

דער ריז, וואס אין אים ליגט איר ווי צעלן און געוועבן;

ער, וואס מיט זיין נגון האט אייער געזאנג פארקלונגען.

און בלויז אין אים זענט איר ריזיק.

און ווען איך האָב אים דערזען, האָב איך אייך דערקאַנט און ליב באַקומען.

ווייל די ליבע וואָס ליגט נישט אויף יענעם שטח קאָן ווייט נישט גרייכן.

צי דען איז דאָ אַזאַ זעאונג, אַזאַ דערוואַרטונג און אַזאַ השערה, וואָס זאָל די גרעניץ פון יענעם שטח איבערשטייגן?

דער ריז אין אייך איז ווי אַ גיגאַנטישער דעמב באַדעקט מיט צוויט.

זיין כח בינדט אייך צו דער ערד, זיין ריח טראָגט אייך אין די רוימען, און זיין אומענדלעכקייט מאַכט אייך אומשטערבלעך.

מען האָט אייך פאַרגליכן צו אַ קייט, און מען האָט אייך געזאָגט, אַז איר זענט פונקט אַזוי שוואַך ווי דאָס שוואַכסטע רינגעלע אין אייך.

אָבער דאָס איז בלויז אַ האַלבער אמת. איר זענט אויך פונקט אַזוי שטאַרק ווי דער שטאַרקסטער רינג אין אייך.

מען קאָן אייך לויט אייער קלענסטער טואונג נישט מעסטן, ווייל דאָס וואָלט מיינען מעסטן דעם ים לויט דער לייכטקייט פון זיין שוים.

אייערע דורכפאַלן זענען פונקט אַזוי נויטיק ווי דער בייט פון סעזאָנען.

יאָ, איר זענט ווי דער ים.

אָבער אונטערטרייבן די שטראָמען קאָנט איר נישט, הגם עס וואַרטן ביי אייערע ברעגן שווער-אָנגעלאָדענע שיפן.

און איר זענט ווי די סעזאָנען,

און הגם איר זענט ווינטער מבטל אייער פרילינג,

דאך פילט זיך דער פרילינג נישט באליידיקט, און אין זיין כמורנעקייט שמייכלט ער אין איך.

מיינט נישט אז איך רעד אזוי ווייל איך וויל איך זאלט זאגן ער האט אונז געליבט. ער האט בלויז דאס גוטע אין אונז געזען.

איך רעד בלויז דאס, וואס איר אליין ווייסט אין אייער איי־גענעם גדאנק.

צי דען זענען רייד עפעס מער ווי דער שאטן פון שווייגן?

אייער געדאנק און מיינע רייד זענען כוואליעס פון א פאר־זיגלטן זכרון, וואס האט אונזערע נעכטנס נאך נישט פארגעסן,

און ער געדענקט נאך יענע טעג, ווען די ערד האט אונז און זיך אליין געקענט,

און אויך יענע נעכט ווען די ערד איז א כאאס געווען.

חכמים זענען צו איך געקומען און זייער חכמה איך געגעבן. איך בין געקומען נעמען פון אייער חכמה:

און זעט, איך האב געפונען עפעס וואס איז גרעסער פון חכמה.

איך האב אין אייך געפונען א נשמה־פלאם, וואס האלט אין איין גרעסער ווערן,

און איר אין אייער טעות מיינט גאר, אז דער פלאם פארצערט אייערע טעג.

איך האב געפונען לעבן, וואס זוכט לעבן אין גופים, וואס שרעקן זיך פארן קבר.

נישטא דא קיין קברים.

די בערג און פעלדער זענען א וויגל און א טרעפ.

ווען איר גייט פארביי דאס פעלד וואו אייערע אור-עלטערן ליגן, קוקט זיך גוט צו און איר וועט זען זיך און אייערע קינדער אין א טאנץ-געפלעכט.

יא, איר זענט אפט פריילעך און ווייסט עס אליין נישט.

אנדערע זענען צו אייך געקומען מיט גרויסן צוזאג פאר אייער אמונה, און איר האט זיי דערפאר בלויז מיט עשירות און מאכט און רום באשאנקען.

איך אבער האב אייך קיין צוזאג נישט געגעבן, און דאך זענט איר צו מיר אזוי ברייטהארציק געווען.

איר האט מיר געשאנקען א גרעסערן לעבנס-דארשט.

נישט פאראן קיין גרעסער געשאנק ווי דאס, וואס פארוואנדלט די כוונות אין טרוקענע ליפן און דאס לעבן אין א קוואל.

און איך האב מיין כבוד און מיין לוין —

ווייל ווי נאר איך קום צום קוואל טרינקען, זע איך, אז דאס וואסער אליין איז אויך דארשטיק;

און בעת איך טרינק, טרינקט דאס וואסער מיך אויך.

טייל פון איר האבן מיך געהאלטן פאר צו שטאלץ אדער צו עניוותדיק צו נעמען מתנות.

און כאטש איך האב זיך געווערט מיט יאגדעס בעת איר האט מיך צו אייער טיש גערופן,

און כאטש איך בין געשלאפן אויף די טרעפ פון בית המקדש בעת איר האט פאר מיר א בעט פארגרייט,

פונדעסטוועגן האָט איר פאַרזיסט מיין שפּייז און באַפליגלט מיינע חלומות.

פאַר דעם בענטש איך אייך נאָך מער:
איר גיט אַ סך און ווייסט אפילו נישט אַז איר גיט.
יאָ, די גוטסקייט וואָס שפּיגלט זיך אין זיך אַליין ווערט אין אַ שטיין פאַרוואַנדלט,
און די מידה וואָס קליידט זיך אין שיינע נעמען ווערט די סיבה פון אַ קללה.

און טייל פון אייך האָבן מיר צו הויכע ווייטענישן גערופן און מיט מיין אייגענער איינזאַמקייט מיך פאַרשכורט,
און איר האָט געזאָגט „ער רעדט צו די בוימער פון וואַלד, און נישט צו מענטשן.
ער זיצט איינער אַליין אויף די שפּיצן פון בערג און קוקט אַראָפּ אויף אונזער שטאָט״.
עס איז אמת אַז איך האָב געקלעטערט אויף די בערג און אין פאַרוואָרפענע ווינקלען זיך באַהאַלטן.
איך קאָן אייך אָבער נישט זען, סיידן איך בין זייער ווייט פון אייך.
און ווי אַזוי קאָן איינער זיין נאָענט אויב ער איז נישט ווייט?

און אַנדערע האָבן שווייגנדיק געזאָגט צו מיר,
„פרעמדער, פרעמדער, וואָס וואָלסטו דאָרט וואו די אָדלערס בויען זייערע נעסטן?
וואָס זוכסטו דאָס אומדערגרייכבאַרע?

וועלכע שטורעמס ווילסטו פאנגען אין דיין נעץ,
און וועלכע פויגלען זוכסטו אין די הימלען?
קום און ווער איינער פון אונז.
גיי אראפ און שטיל דיין הונגער מיט אונזער ברויט און לעש דיין דארשט מיט אונזער וויין״.
אזוי האבן זיי געזאגט אין דער שטילקייט פון זייערע נשמות;
וואלט אבער זייער שווייגן טיפער געווען, וואלטן זיי פארשטאנען, אז איך האב דעם סוד פון אייער פרייד און אייער צער געזוכט,
און אז איך האב אין די הימלען אייער טיפערן סוד געוואלט געפינען.

אבער דער יעגער איז אויך געווען דער געצילטער;
ווייל א סך פון מיינע פיילן האבן אין מיין אייגענער ברוסט געטראפן.
און דער פליער איז אויך געווען דער קריכער;
ווייל בעת מיינע פליגלען האבן זיך פונאנדערגעשפרייט אין די הימלען האבן זייערע שאטנס אויף דער ערד אויסגעזען ווי טשערעפאכעס.
און דער גלויביקער איז אויך געווען דער צווייפלער;
ווייל אפט האב איך מיין פינגער אויף מיין אייגענער ברוסט געלייגט כדי מיין גלויבן אין אייך זאל שטארקער ווערן.

און מיט אט דעם גלויבן זאג איך איצט צו אייך:
איר זענט נישט פארשפארט אין אייערע גופים, און נישט געבונדן צו אייערע הייזער און פעלדער.

אייער אמתער איך וואוינט אויף די בערג און דינגט אינם ווינט.

ער קריכט נישט צו דער זון פאר ווארעמקייט און גראבט נישט קיין שוץ-היילן אין דער פינצטערניש.

אייער איך איז פריי — א גייסט וואס נעמט ארום די ערד און באוועגט זיך אין רוים.

אויב מיינע רייד זענען נישט קלאר פאר אייך, מאכט זיי נישט קלארער.

יעדער אנהויב איז אומקלאר און נעפלדיק, אבער נישט דער סוף,

און איך וואלט ליבערשט וועלן זיין אייער אנהויב.

לעבן, און אלעס וואס לעבט, קומט פון נעפל און נישט פון לויטערקייט.

און ווער ווייסט, אפשר איז לויטערקייט בלויז דער איבער-בלייב פון נעפל?

און ווען איר טראכט פון מיר, טראכט אויך פון דעם:

דאס, וואס קוקט אוים שוואך און צורודערט אין אייך, איז איינצייטיק אויך דאס שטארקסטע און קלארסטע וואס איר באזיצט.

צי דען האט אייער אטעם נישט פארהארטעוועט דעם געבוי פון אייערע ביינער?

און ווער האט געבויט אייער שטאט, און אלעס וואס געפינט זיך אין איר, אויב נישט א חלום, וואס אן אים האט איר אפשר לאנג שוין פארגעסן?

ווען איר וואלט קאנען זען דעם שטראם פון יענעם אטעם, וואלט איר קיין אנדער זאך שוין נישט געזען.

און ווען איר וואלט קאנען הערן דאס שעפּטשען פון יענעם חלום, וואלט איר קיין אנדער קלאנג שוין נישט געהערט.

אבער איר זעט נישט, און איר הערט נישט, און עס איז גוט.

די הענט וואס האבן אייער אויגן-שלייער געוועבט וועלן אים אליין ארונטערנעמען,

און די פינגער וואס האבן דאס ליים אין אייערע אויערן אריינגעלייגט וועלן עס אליין ארויסנעמען.

און איר וועט זען

און איר וועט הערן.

און איר וועט נישט חרטה האבן וואס איר זענט געווען בלינד און טויב.

ווייל ערשט דעמאלט וועט איר באגרייפן דעם פארבארגענעם מיין פון אלע זאכן,

און איר וועט בענטשן די פינצטערניש, ווי איר בענטשט דאס ליכט.

נאכדעם האט ער זיך ארומגעקוקט און געזען ווי דער שיף-פירער שטייט ביים רודער און קוקט אויף די אנגעצויגענע זעגלען און אויף דער ווייטקייט פון ים.

און ער האט געזאגט:

דער פירער פון מיין שיף איז געדולדיק, זייער געדולדיק.

דער ווינט בלאזט און די זעגלען זענען אומרואיק;

אפילו דער רודער בעט זיך אין וועג;

אבער מיין שיף-פירער וואַרט געדולדיק ביז איך וועל ענדיקן.

און די וועלטער, וואָס האָבן פאַרנומען דעם כאָר פון גרויסן ים, האָבן מיך אויך געדולדיק אויסגעהערט.

אָבער לענגער וועלן זיי נישט דאַרפן וואַרטן.

איך בין גרייט.

דער שטראָם איז שוין דערגאַנגען צום ים און די גרויסע מאַמע וועט ווידער האַלטן איר זון ביי איר ברוסט.

זייט געזונט, איינוואוינער פון אָרפאַלעז.

דער טאָג איז פאַריבער.

ער שליסט זיך איבער אונז ווי אַ וואַסער-ליליע.

לאָמיר האַלטן וואָס אונז איז דאָ געגעבן געוואָרן,

און אויב עס איז נישט גענוג, וועלן מיר זיך ווידער באַגעגענען און ווידער אויסשטרעקן אונזערע הענט צום געבער

פאַרגעסט נישט אַז איך וועל קומען צו אייך.

נאָך אַ רגע, און מיין בענקעניש וועט אָנקלייבן שטויב און שוים פאַר אַן אַנדער גוף.

נאָך אַ רגע, אַ רגע רו אויפן ווינט, און אַן אַנדער פרוי וועט מיך געבוירן.

איך געזעגן זיך מיט אייך און מיט מיין יוגנט וואָס איך האָב דאָ פאַרבראַכט.

ערשט נעכטן האָבן מיר זיך אין חלום געטראָפן.

איר האָט געזונגען צו מיר אין מיין איינזאַמקייט, און פון אייערע בענקענישן האָב איך אַ טורעם אין הימל מיר אויסגעבויט.

אָבער איצט איז אונזער שלאָף פאַריבער און אונזער חלום פאַרשוואונדן, און עס איז נישט מער באַגינען.

און אויב מיר וועלן זיך ווידער טרעפן אינם בין השמשות פון אונזער זכרון, וועלן מיר ווידער ריידן און איר וועט צו מיר ווידער זינגען.

און אויב אונזערע הענט וועלן זיך אין אַן אַנדער חלום ווידער באַגעגענען, וועלן מיר אין הימל אַן אַנדער טורעם אויפבויען.

נאָכדעם האָט ער געמאַכט אַ צייכן צו די זעלנער, און זיי האָבן באַלד אַרויפגעצויגן דעם אַנקער און לויז־געלאָזן די שיף, און זיי זענען אַוועק אין דער ריכטונג פון מזרח.

און ביי אַלעמען האָט זיך אַזוי ווי פון איין האַרץ אַרויסגעריסן אַ שאַלנדיקער געשריי, וואָס האָט אַרומגעשוועבט אינם בין השמשות ביז ער איז זיך פאַרגאַנגען ווייט איבערן ים.

בלויז אַלמיטראַ האָט געשוויגן, און באַגלייט די שיף מיט אירע אויגן ביז זי איז פאַרשוואונדן אינם נעפל.

און ווען אַלע מענטשן זענען זיך צעגאַנגען, איז זי נאָך אַלץ געשטאַנען ביים ברעג, און דערמאָנט אין איר האַרץ זיינע לעצטע ווערטער,

„נאָך אַ רגע, אַ רגע רו אויפן ווינט, און אַן אַנדער פרוי וועט מיך געבוירן".

# אינהאַלט:


| | זײט |
|---|---|
| קאַליל גיבראַן | 5 |
| דאָס אָנקומען פֿון דער שיף | 11 |
| וועגן ליבע | 18 |
| הײראַט | 21 |
| קינדער | 23 |
| געבן | 25 |
| עסן און טרינקען | 28 |
| אַרבעט | 30 |
| פֿרײד און צער | 34 |
| הײַזער | 36 |
| קלײדער | 39 |
| קויפֿן און פֿאַרקויפֿן | 41 |
| פֿאַרברעכן און שטראָף | 43 |
| געזעצן | 48 |
| פֿרײהײט | 51 |
| שכל און לײדנשאַפֿט | 54 |
| יסורים | 56 |
| זיך־קענטעניש | 58 |
| לערע | 60 |
| פֿרײנדשאַפֿט | 62 |
| רײדן | 64 |
| צײַט | 66 |
| גוטס און שלעכטס | 68 |
| תּפֿילה | 71 |
| פֿאַרגעניגן | 74 |
| שײנקײט | 78 |
| רעליגיע | 81 |
| טויט | 84 |
| די געזעגענונג | 86 |